שנה ה'
נומער 189
ראש השנה
תשפ"ד

קרית ברסלב בלעטל

מי יתן לי
אבר כיונה
אעופה ציון הקדוש
אמנה

מיט א טיפערן בליק

מיין ערשטע **ראש השנה ביים הייליגן רבי'ן** שנת תשפ"ג

אומאן ראש השנה תשפ"ד

אינטערוויו

מסירות נפש

א ערשטמאליגע שמועס מיט זעקס אינגעלייט וואס פארציילן זייער איבערלעבעניש פון ראש השנה תשפ"א

תשליך אין שטעטל ראש השנה תשפ"א. בילד דורך א גוי

קרית ברסלב וואונטשט אלע חשובע ליינער א גוט געבענטשט יאר

קרית ברסלב בלעטל

רעדאקציע:
מרדכי אינדיג, אברהם משה שטראססער, משה ארי' שניטצלער, אברהם הערש וועבערמאן, ישראל דוד העסקעל, אברהם יצחק אייזנער, שמואל בער שניטצלער, מ. פאפנהיים, ר. ראטענבערג. ל. שיינער. ח. ש.

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו
chizikyomi@rabbiroth.org

צו אדווערטייזן אדער ארייננצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

קול ברסלב: 212.444.9191
חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169



היכל הקודש נייעס
נפטר בעט אין חלום מען זאל לערנען משניות לעילוי נשמתו
2

היכל הקודש נייעס
געפונען געוואן ליקוטי הלכות פון הרה"ק מ'ליסקא זי"ע
3

אינטערוויו
היסטאריע פון ראש השנה תשפ"א
16

געדאנקען
האסט נישט קיין ציים פאר משניות?
8

די אידישע שטוב
דיין מאן זאגט דיר איבער?
49

מיט א טיפערן בליק
מיין ערשטע ראש השנה אין אומאן תשפ"ג
36

זמנים Liberty

נצו"י כ"ג אלול תשפ"ג

הדלקת הנרות 07:02
מוצאי שבת 08:31

מנחה מעריב די וואך פון ר"ה ... 08:15

ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן

מו"ה שמחה סאלז הי"ו
וזוגתו חוה תחי'

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אין שטעטל און קענען אויפציען די קינדער אויף דעם רבינ'ס וועג

מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

מו"ה משולם פייש פעלבערבוים הי"ו
וזוגתו באשא הדה תחי'

צו די חתונה פון זייער טאכטער למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

מו"ה יודא לייב ווייס הי"ו
וזוגתו שפרה תחי'

צו די געבורט פון א טאכטער למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

מו"ה יודא יחיאל דעפריס הי"ו
וזוגתו רחל תחי'

צו די חתונה פון זייער טאכטער למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

בריוו צו די
רעדאקציע

נאך א יאר פון ערליכע לייענווארג

לכבוד די חשוב'ע מערכת פון "קרית ברסלב בלעטל", יישר כח פאר נאך א יאר פון אזעלכע שיינע און ערליכע לייענווארג, דער אייבערשטער זאל ענק געבן כח צו קענען ווייטער אנגיין בית שאת ביתר עוז.

א אינטערעסאנטע אויסדרוק האט דער ראש ישיבה שליט"א געשריבן דעם פארגאנגענעם פרייטאג אין א בריוו פאר אנשי שלומינו: **"איך ווארט שוין אויף די שמחה, אויף די ברכות פון שהחיינו; אלע יארן אין אומאן פלעגט זיין אזעלכע שמחות און ריקודים פון אנשי שלומינו, מען האט אויסגעשריגן: "שהחיינו!" א טייל האבן געמאכט אפילו די ברכה פון מחיה המתים; ונזכה ונחיה ונראה".** ע"כ

עס ווערט געברענגט אין כף החיים (סימן תקפ"א, ס"ק קא) בשם דער פרי חדש: **"ונוהג אני לשלוח מנות לעניים ערב ראש השנה כדכתיב לכו אכלו משמנים ושתו ממתקים ושלחו מנות לאין נכון לו, וכתיב וילכו כל העם לאכול ולשתות ולשלוח מנות"**, ער פירט זיך צו שיקן משלוח מנות אום ערב ראש השנה פאר ארעמעלייט; שטעלט מען זיך אז לכאורה, דער פסוק וואס ער ברענגט שטייט אויפ'ן טאג פון ראש השנה זעלבסט, נישט אויף ערב ראש השנה, וואלט ער געדארפט מקיים זיין דעם מנהג אום ראש השנה אליינס, אזוי ווי מ'טוט פורים, נישט ערב ראש השנה; נאר מ'קען דאס פארשטיין מיט די ווערטער פונעם ראש ישיבה, אז מ'זעט די שמחה און ריקודים ווען אנשי שלומינו טרעפן



זיך אין אומאן אין די טעג פון ערב ראש השנה, ווי עס קומט ארויס די ליבשאפט וואס הערשט צווישן אנשי שלומינו, וואס אין דעם איז מען אויך עוסק אין די טעג פון פורים.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן אלע זוכה זיין צו א כתיבה וחתימה טובה, צו א גוט געבענטשט יאר, און אריינברענגען א געבענטשטע יאר ביי נאך אידישע קינדער.

יואל שניצלער, קרית ברסלב

נ.ב. איך האב נאך געוואלט צולייגן א ברכת מזל טוב פאר די חשוב'ע משפחת פערל שיחיו, אנשי שלומינו פון עיר הקודש ירושלים, וואס געבן זיך אוועק וואך איין וואך אויס פאר די קונטרס עצתו אמונה אין אידיש און אין לשון הקודש, אויסער די נאך פילע געבענטשטע פעולות וואס זיי טוען פאר הפצה און הדפסה, לרגל די חתונה פון זייער זון ר' שמואל אייזיק הי"ו, עב"ג, טאכטער פון הרה"ח ר' יוסף סאקס שליט"א, גבאי בית המדרש היכל הקודש טבריי' און מלמד בתלמוד תורה היכל הקודש טבריי'.

דער אייבערשטער זאל העלפן די זיווג זאל עולה יפה זיין, עס זאל זיין א קשר של קיימא, און זיי זאלן זוכה זיין אויפצושטעלן א בית נאמן בישראל, און זייערע חשוב'ע עלטערן זאלן זיין אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער, געזונטערהייט.

והברכה אחת היא פאר חברינו ר' יודא לייב ווייס הי"ו, וואס לייגט אריין אסאך כוחות יעדע וואך אינעם וועכנטליכע קונטרס עצתו אמונה, און נאך, צום געבורט פון א מיידל למזל טוב, דער אייבערשטער זאל העלפן ער מיט זיין ב"ב זאלן זען אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער געזונטערהייט, און איר מגדל זיין לתורה ולחופה ולמעשים טובים.

היכל הקודש
נייעס

קרית יואל

סיפור מכלי ראשון: נפטר בעט אין חלום מען זאל לערנען משניות לעילוי נשמתו

מאנטאג פרשת כי תצא תשפ"ג, נאך שחרית אין בית המדרש, איך פול מיך אן א גלעזל קאווע, און איך זעץ מיך צו צו א לחיים וואס איינער האט געגעבן לעילוי נשמת זיינס א זיידן ע"ה.

בשעת'ן עסן א שטיקל לקח מיט'ן קאווע, הער איך ווי איינע פון די קביעות'דיגע מתפללים פארציילט א מעשה: פאר צוויי יאר צוריק איז נפטר געווארן דא אין אונזער שטאט לחיי העולם הבא אן ערליכער איד אן עובד ה', דער איד האט איבערגעלאזט שיינע ערליכע דורות דורכגעווייקט חסידיש אידן.

איידער דער איד איז אוועק פון דער וועלט האט ער איבערגעלאזט א שיינע צוואה ווי ער בעט זיינע קינדער צו גיין אויפן ערליכן וועג. צווישן אנדערע האט ער געבעטן זיינע קינדער זיי זאלן נישט מקפיד זיין צו דאווענען פארן עמוד יעדער באזונדער, בפרט האט ער געשריבן ווען מען דארף צוטיילן א מנין אין צוויי, אדער מען דארף זיך שלאגן אויפן ברעטל לוינט זיך עס זיכער נישט. ער האט זיי געבעטן זיי זאלן דאווענען מיט מנין, און זיכער צו מאכן צו לערנען משניות לעילוי נשמתו.

די קינדער חשוב'ער אידן תלמודי חכמים און יראי ה', האבן אין אנהייב שטארק מקפיד געווען צו מקיים זיין זייער טאטנ'ס בקשה, זיי האבן ערליך געלערנט משניות, אבער האבן מיט דעם אלעם נאך אלץ פרובירט צו דאווענען פארן עמוד, אבער ווי מער צייט עס איז אדורך האבן זיי אנגעהויבן צו פארגעסן. זיי האבן מקפיד געווען צו האבן דאס ברעטל יעדן טאג, שחרית מנחה און מעריב, אבער פונעם משניות האט מען ליידער פארגעסן.

עס זענען דורכגעלאפן עטליכע וואכן, און דער איד קומט אין חלום צו איינע פון זיינע באקאנטע און זאגט אים "גיי זאג פאר מיינע קינדער אז איך ווארט אז זיי זאלן לערנען משניות", דער איד איז צוגעגאנגען צו איינע פון די קינדער וואס האט זיך געכאפט ביים קאפ "אוי ווי האב איך געקענט פארגעסן מיין טאטנ'ס בקשה", און פארשטייט זיך אז פון דעם טאג און ווייטער האט זיך אלעס געטוישט, זיי האבן געלערנט משניות, פון וואס זייער פאטער בעולם העליון האט געהאט א געוואלדיגע נחת רוח.

ווען איך האב געענדיגט מיטן לחיים און נאך ברכה, און איך האב מיך אויפגעשטעלט, קומט דער איד (וואס האט פארציילט די מעשה) צו מיר, און רוימט מיר אריין אין אויער "איך בין דער איד צו וועם ער איז געקומען אין חלום".

איך האב אים געפרעגט פארוואס ביסטו נישט מפרסם די מעשה, מען קען דאך דערפון האבן א געוואלדיגע חיזוק אויף משניות, האט ער מיר געזאגט אז עס איז נישט קיין כבוד פאר די חשובע משפחה אז זיי האבן פארגעסן פון אזא קלארע בקשה פון זייער טאטן, דערפאר איז ער נישט מפרסם די מעשה. האב איך אים געפרעגט צי איך מעג כאטש מפרסם זיין די מעשה אין זיין נאמען, האט ער געזאגט אז ער וויל נישט.

די מעשה איז געהערט געווארן פון כלי ראשון, און איז באשטעטיגט צו זיין אמת. און פון דעם קען מען זען די גרויסקייט פון לערנען משניות בעולם העליון ווי די נשמות באקומען פרישע חיות און גייען ארויף העכער אין גן עדן דורכדעם וואס מען לערנט משניות דא אויף דער וועלט. און דער ראש ישיבה לערנט אונז אז מען דארף נישט ווארטן די קינדער זאלן לערנען פאר דיר משניות, מען קען שוין יעצט לערנען פאר די אייגענע נשמה אסאך פרקים משניות.

ארץ ישראל

געפונען געווארן ליקוטי הלכות וואס האט געהערט צו הרה"ק ר' צבי הירש מליסקא זי"ע

קוים האבן מיר געברענגט א באריכט פון א היסטארישע כתב יד וואס ווערט ליציטירט, דורך די עתיקים ליציטאציע פירמע וואס ליציטירט אין די יעצטיגע טעג א בלעטל פון הייליגן ספר ויואל משה געשריבן געווארן דורך הרה"ק מסאטמאר זי"ע אליינס, ווי ער ברענגט אראפ און שרייבט גרויסע זאכן איבערן הייליגן רבין.

שוין קומט אריין א פרישע באריכט, דאס מאל פונעם "גנזים" פירמע וואס וועט ליציטירן אין די טעג א באנד פון הייליגן ספר ליקוטי הלכות חלק אבן העזר און חושן משפט וואס האט געהערט צו הרה"ק רבי צבי הירש מליסקא זי"ע, וואס איז געווען דער רבי פון הרה"ק רבי ישעי'לע קערעסטירער זי"ע.

דער הייליגער ספר ליקוטי הלכות האט דער גרויסער תלמיד פון הייליגן רבי'ן רבי נתן אליינס געשריבן, נאכדעם וואס דער הייליגער רבי האט אים געבעטן צו שרייבן חידושים אויפן סדר פון שלחן ערוך.

דער ספר איז איין שטיק התחזקות און עצות אין עבודת השם, און ווי באקאנט האט מוהרא"ש געלערנט דעם ספר ליקוטי הלכות אומצאליגע מאל, און זענען געווארן ווי א שטיק פון אים, און ווי מען קען זען פון די הייליגע קונטרסים וואס מוהרא"ש זי"ע האט געשריבן, זענען בדרך כלל גאנצע שטיקער ליקוטי הלכות, ארויסגעקליבן די בעסטע חיזוק שטיקלעך.

אזוי אויך ווערט דארט ליציטירט א "תיקון הכללי" פון ערשטן דרוק, ווי באקאנט האט דער הייליגער רבי נתן אופגעשטעלט מיט מסירת נפש א דרוק ביי זיך אינדערהיים, כדי צו קענען דרוקן דעם הייליגן רבינ'ס ספרים, און דארט האט מען אויך געדרוקט דעם תיקון הכללי צום ערשטן מאל.

דער תיקון הכללי האט דער הייליגער רבי געשטעלט צווי עדות אז דאס איז א תיקון אויף עבירות רח"ל, מ'זאל גיין אין מקוה, געבן א פרוטה לצדקה און זאגן די צען קאפיטלעך טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ. אויך האט דער רבי געזאגט איז עס א סגולה לרפואה און פרנסה.

ובפרט האט דער רבי געזאגט מען זאל קומען צו זיין ציון און דארט זאגן די צען קאפיטלעך, און נאכמער האט דער רבי צוגעלייגט אז ראש השנה ווען מען קומט צו זיין ציון קען ער פארריכטן אפילו די וואס ער קען נישט פארריכטן א גאנץ יאר.

וואויל איז אונז אז מיר האבן די זכי' צו פאלגן דעם רבי'ן און פארן צו זיין ציון, און זאגן דארט די תיקון הכללי, און זיין ביי אים אויף ראש השנה, וואס מיט דעם וועט מען זוכה זיין צו א כתיבה וחתימה טוב און א גוט געבענטשט יאר.

מעשיות פון תפילה

חיים שטערן - בני ברק:

דא אין ארץ ישראל אין די זומער טעג פארט מען אסאך צום ים. איך בין געפארן מיט אפאר חברים צום ים, היות אז איך האב א הויכע נומער ברילן, בין איך אריין מיט דעם אין ים.

אינמיטן איז געקומען א הויכע כוואליע, און די ברילן זענען פארשוואונדן געווארן. ברוך השם אז מיר האבן די לעכטיגע עצה פון רעדן צום אייבערשטן, האב איך גלייך אנגעהויבן צו בעטן דעם אייבערשטן ער זאל מיר העלפן טרעפן מיין ברילן. סאיז געווען דארט כל מיני למדנים וואס האבן זיך מפלפל געווען אז איך וועל דאס סיי ווי נישט טרעפן, און אפילו אויב יא, איז דאס א זוטו של ים... אבער איך האב מיך נישט געלאזט, און איך האב ווייטער זיך געוואנדן נאר צום אייבערשטן, און אים געבעטן. זוכן האב איך נישט געקענט, ווייל אן קיין ברילן זע איך כמעט נישט, בין איך געשטאנען און געבעטן נאך א תפילה און נאך א תפילה. נאך א האלבע שעה קומט צו מיר א חבר און ברענגט מיר דאס צוריק, זאגענדיג אז עפעס א איד האט דאס געטראפן... שכח אייבערשטער, שכח אייבערשטער.

ברוך נוסבוים - בני ברק:

דעם פארגאנגענעם שבת קודש פרשת כי תצא פאר מנחה, האב איך מיך געכאפט אז מען גייט ליינען די קריאה פון פרשת כי תבוא. ביי אונז ברסלב'ע חסידים רופט מען די פרשה "כי תבוא לאומאן", מען קאכט אינעם הייליגן נסיעה צום הייליגן רבינ'ס ראש השנה. ס'איז אריין אין מיר א חשק עולה זיין לתורה ביי די קריאה פון ראשון, ליינען די הייליגע קריאה פון כי תבוא, און דאס זאל זיין א כח אזוי ווי פאר א חתן וואס איז עולה לתורה פארן חתונה, ווייל מיט די כח התורה קען מען ברעכן אלע מניעות.

איך האב געטראכט צו בעטן פון די גבאי אז איך וויל עולה זיין, אבער איך האב מיך מיישב געווען איך וויל בעטן פון דעם גבאי'ס טאטע - פונעם הייליגן באשעפער.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז איך האב חשק עולה זיין ראשון. ווען די גבאי האט אויסגערופן די עלי' בין איך געשטאנען אין די זייט, און איך זע אז די גבאי קוקט אינגאנצן אויף די אנדערע זייט. ס'איז מיר נישט געבליבן נאר צו געבן א שמייכל און זאגן שכח אייבערשטער פאר דעם.

למעשה גייט נישט דורך אפאר סקונדעס און איך הער אז די גבאי רופט אויס מיין נאמען צו עולה זיין ראשון ביי די הייליגע קריאה פון כי תבוא. שכח אייבערשטער. דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זיך קענען גוט צוגרייטן צום הייליגן נסיעה, און פועל'ן אלעס גוטס. און א גוט געבענטש יאר לנו ולכל ישראל.

שמשון הערש טייטלבוים - קרית ברסלב:

איך האב באקומען א טיקעט צוויי אזייגער ביינאכט צוליב דעם וואס מיין לייסענס איז געווען סוספענדירט, איך האב מיר זייער דערשראקן צו הערן אזאנס. זיי האבן געזאגט אז ס'איז וועגן א בילל פון איזי פעס וואס איז נישט באצאלט. איך האב מיר דערמאנט אז ביי קאוויד וויבאלד די אפיס איז געווען פארמאכט איז עס נישט געווארן באצאלט אין צייט, ער זאגט מיר אז ער גייט מיר נישט יעצט אוועקנעמען די קאר וואס דאס איז געווען פאר מיר א גוואלדיגע זאך.

עס איז געווען $1600 צו באצאלן, אין געריכט האבן זיי געזאגט אז איך דארף באצאלן די גאנצע זאך, אבער איך קען פראבירן דאס צו פייטן. איך האב אזוי געטון איך האב אויסגעפילט א צעטל און אריינגעשיקט, און דערנאך האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז עס זאל צוריקקומען פון זיי אז איך דארף עס נישט באצאלן.

שכח אייבערשטער אז נאך א צייט שפעטער איז עס ברוך השם צוריקקומען פון די געריכט אז איך דארף עס נישט באצאלן.

א בריוו
פונעם ראש ישיבה שליט"א

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, י"ז אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ וּמַה נָּעִים גּוֹרָלֵנוּ אַז מִיר וֵייסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן מִיר זֶענֶען מְקוֹרָב צוּ אִים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קעז): **"רָאוּי לָכֶם לִשְׂמֹחַ בִּי, מַה שֶּׁזְּכִיתֶם שֶׁיִּהְיֶה לָכֶם רַבִּי כָּזֶה"**, אִיר דַארְפְט זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז אִיךְ בִּין עֶנְקֶער רֶבִּי; נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תג): **"וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד"**, וֶוער עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דַארְף זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר; אַז מִיר הָאבְן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְפְן מִיר זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ יָאר.

מִיר קוּמֶען אִין אוּמַאן נָאר צוּם רֶבִּי'ן, מִיר קוּמֶען נִישְׁט צוּ קֵיינֶעם. מוֹהֲרַ"ש הָאט דֶערְצֵיילְט, עֶס אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מִיטְ'ן נָאמֶען משֶׁה וֶועלְוְול, עֶס אִיז אַרוֹיס אוֹיף אִים אַ שֵׁם רַע - אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אַז עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְּלָן, וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט דֶער טְשֶׁעהְרִינֶער רָב גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים: "משֶׁה וֶועלְוְול, דוּ בִּיסְט אוּנְז אַ בִּזָּיוֹן, וֶוער בֶּעט דִיר דוּ זָאלְסְט קוּמֶען דָא?" אוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְן גֶעהַאט טַעֲנוֹת אוֹיפְ'ן טְשֶׁעהְרִינֶער רָב, 'וָואס הֵייסְט דוּ שְׁרֵייסְט אוֹיף אִים וֶוער בֶּעט דִיר צוּ קוּמֶען דָא? עֶר אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ דִיר, עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, קֵיינֶער קֶען נִישְׁט אַוֶועק נֶעמֶען מֶענְטְשְׁן פוּן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן'; וַוייל וֶוען מֶען קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם צִיּוּן פוּן רֶבִּי'ן קוּמְט מֶען נִישְׁט צוּ קֵיינֶעם, מֶען קוּמְט נָאר צוּם רֶבִּי'ן.

אוֹיךְ דֶערְצֵיילְט מוֹהֲרַ"שׁ פוּן רֶבִּי יִשְׂרָאֵל קַארְדוּנֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר פְלֶעגְט בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן קַיין אוּמַאן צוּם רֶבִּי'ן; נָאכְדֶעם וָואס דִי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ אִים פְלֶעגְט עֶר זָאגְן **'אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעבְּרֶענְגְט בִּיז אוּמַאן, פוּן דָא אִין וַוייטֶער וֶועט זִיךְ דֶער רֶבִּי זָארְגְן פַאר דִיר'**; וֶוען מֶען קוּמְט קַיין אוּמַאן קוּמְט מֶען נִישְׁט צוּ קֵיינֶעם, נָאר צוּם רֶבִּי'ן.

מִיר הָאפְן אוּן מִיר וַוארְטְן צוּ הֶערְן דִי גוּטֶע נֵייעֶס אַז דִי גְרֶענִיץ עֶפְנְט זִיךְ אוּן מִיר וֶועלְן קֶענֶען פָארְן קַיין אוּמַאן, זַיין בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

א שיחה
פון דער
ראש ישיבה שליט"א

אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה
חֵלֶק ז'

אֵיינֶער וָואס דִי מִשְׁפָּחָה רוֹדְפְ'ן עֶר זָאל נִישְׁט פָארְן קַיין אוּמַאן, בִּשְׁעַת זֵיי חֲזֶר'ן שְׁטֶענְדִיג דֶעם לָאזוּנְג: "לֶעבּ אוּן לָאז לֶעבְּן". הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעזָאגְט: דָא קֶענְט אִיר זֶען דָאס פַארְפוֹילְקֵייט פוּן דִי אַלֶע לִינְקֶע וָואס שְׁטֶעלְן זִיךְ אַרוֹיס מִיט אַ שֵׁיינֶעם פָּנִים אַז מֶען דַארְף יֶעדְן אֵיינֶעם לָאזְן לֶעבְּן זֵייעֶר וֶועג - וִוי לִיגְנְט אוּן פַאלְשׁ דָאס אִיז; וְהָא רַאְיָ', וֶוען עֶס קוּמְט צוּ עֶרְלִיכְקֵייט, וֶוען עֶס קוּמְט צוּ זַיין פְרוּם - דֶעמָאלְט פַארְגֶעסְט מֶען פוּן דִי שֵׁיינֶע זִיסֶע גֶעמַאכְטֶע שְׁפְּרִיךְ וָוארְט: 'לֶעבּ אוּן לָאז יֶענֶעם לֶעבְּן'. דִי פְרוּמֶע מֶענְטְשְׁן מֶעג מֶען טְשֶׁעפֶּען, דִי דַארְף מֶען רוֹדְפְ'ן; **פְּלוּצְלוּנְג אִיז נִישְׁט דָא דֶער בַּאגְרִיף 'לֶעבּ אוּן לָאז יֶענֶעם לֶעבְּן'**, יֶעדְן אֵיינֶעם דַארְף מֶען מְכַבֵּד זַיין, מֶען דַארְף יֶעדְן אֵיינֶעם לָאזְן טוּן וָואס זֵיי ווִילְן - בִּיז דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס ווִיל גָארְנִישְׁט, עֶר ווִיל נָאר טוּן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֵייסְט; אִים רַייסְט מֶען אַרָאפּ, בַּיי אִים אִיז מֶער נִישְׁט דָא 'לֶעבּ אוּן לָאז יֶענֶעם לֶעבְּן', אִים דַארְף מֶען נִישְׁט רֶעסְפֶּעקְטִירְן.

דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר הָאט אַ וואוֹילֶער מַאן; לֶעבְּט מִיט אִים, זַייט אִים מְכַבֵּד, זַייט אִים מְחַזֵּק עֶר זָאל פָארְן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן אַ גוּט יָאר פַאר זִיךְ אוּן פַאר דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, אוּן וֶוען אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן טְשֶׁעפֶּען אַייךְ זָאלְט אִיר גָארְנִישְׁט עֶנְטְפֶערְן; טַעֲנָה'ט זִיךְ נִישְׁט מִיט זֵיי, זָאגְט זֵיי אַז אִיר דַארְפְט טוּן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֵייסְט, **אַ פְרוּי דַארְף טוּן דֶעם רָצוֹן פוּנֶעם מַאן.**

(מכתב ג' כי תבא, שנת תש"פ)

געדאנקען

האסט נישט קיין צייט פאר מטניות?

מטה אריי טניצלעד

יעצט אז ס'איז א צייט וואס מ'גייט אריבער פון תשפ"ג צו תשפ"ד מוז איך מאכן א ערנסטע חשבון הנפש.

די שאלה איז נאר, אויף וואס טוט מען תשובה?

צוויי מאל אין לעבן האב איך געהערט פארכטיגע דיבורים לגבי אויף וועלכע זאך מ'דארף תשובה טון די ערשטע און די מערסטע.

אלול תשנ"ה האב איך געהערט פארכטיגע דיבורים פון הגאון הגדול המפורסם רבי שרגא משה קאלמאנאוויטש זכרונו לברכה, ראש ישיבת מיר. אינמיטן זיינע הארציגע פלאמעדיגע ווערטער האט ער געגעבן א זאג פון די טיפעניש פון הארץ: און אויב א מענטש זאל טראכטן אז ער האט נישט אויף וואס צו תשובה טון, דארף ער וויסן אז איין מינוט ביטול תורה איז דאך אזוי ביטער! כ'בין שיעור געפאלן חלשות הערנדיג די דיבורים! ואני אנה אני בא?! כ'בין געליגן צוויי טעג אין בעט פון די "אלול שמועס".

פעסט פארווארד צען יאר, און איך הער א אלול-דרשה פון מוהרא"ש אזוי: און אויב א מענטש טראכט אז ער האט נישט אויף וואס צו תשובה טון, דארף ער זיך גוט בארעכענען, צו בין איך געווען גענוג פרייליך די יאר?!

אז א מענטש נעמט אן די הייליגע וועג פון רבי'ן קען ער יוצא זיין די ביידע אלול-שמועסן. און נישט סתם יוצא זיין נאר ער קען ענדזשויען יעדע רגע וואס זיין גוף געפינט זיך דא בזה העולם.

מיט'ן רבי'ן קען מען גרינג זיין פרייליך, און מיט'ן רבי'ן קען מען לעבן אן קיין איין רגע ביטול תורה. נישט נאר א בן תורה, א יושב אוהל, נאר אפילו אן ארבעטער קען לעבן אן א רגע ביטול זמן, מיט'ן רבי'ן איז עס בכלל נישט שווער, יעדע רגע טוט מען עפעס וואס איז א מצוה אין די תורה, אדער פרנסה, אדער חינוך הילדים, אדער העלפן די ווייב לייגן שלאפן די קינדער, א שטיק קיום התורה, א שטיק שמירת הזמן. און דערצו האט מען אלץ א משניות ביי זיך, אז אויב מ'טרעפט זיך אין א טרעפיק, אדער מ'ווארט ביי א דאקטער, האט מען וואס צו טון, און אויב דאס איז נישט גענוג, קען מען יעדע רגע רעדן צום אייבערשטן, פאר זיך, פאר אנדערע, פאר חולי ישראל, פאר עלטערע בחורים און מיידלעך, און אזוי ווייטער.

די פראבלעם איז נאר, אז אויב א מענטש וויל נאר שלימות גלייך די





ערשטע סקונדע, קען מען נישט מצליח זיין.
מוהרא"ש ז"ע פלעגט זאגן אויפ'ן פסוק, מעט מעט אגרשנו, צוקומען צו קדושה נעמט צייט, ס'גייט צוביסלעך, ס'גייט נישט אין איין רגע. ס'שטייט אין סיפורי מעשיות (מעשה ט' מחכם ותם) אז קודם איז מען א "אונטער-משרת" מ'ארבעט ביטער שווער, און צוביסלעך צוביסלעך קען מען אנקומען צו ווערן א מיניסטער העכער אלע מיניסטארן.
משה'לע בילדערמאכער (האסט געהערט פון זושע'לע שטרימפמאכער? גארנישט פאר אים!) איז א בחור מיט אלע מעלות, שנעל געטראפן א גוטן שידוך, געזיצן אין כולל דריי יאר, גוט אויסגענוצט די צייט, דורכגעלערנט אין כולל די דריי בבות מיט די ראשונים (פארמיטאג) און גאנץ הלכות שבת (נאכמיטאג). ממש צו גאט און צו לייט.
יעצט האט ער שוין צוויי זיסע לעכטיגע קינדערלעך, די דירה איז פיצל, מ'מוז מופן צו א גרעסערע דירה, אפשר קויפן עפעס אין לעיקוואוד אדער מאנסי, די משפחה ווערט גרעסער און יעצט איז די צייט זיך צו געבן א ריק אין לעבן.
בקיצור, משה'לע בילדערמאכער זוכט א דזשאב. אזוי ווי זיינע חברים האבן געוואוסט זיינע טאלאנטן האט מען אים געברענגט פיינע אפפערס, מען האט אים פארגעשלאגן צו זיין דער עקזעקוטיוו אסיסטענט פאר די בעל הבית פון די טערעפי מוסד "למען ספות הרוה את הצמאה לא יאבה השם סלוח לו" פאר צוויי מאות א יאר, אדער פירן די קאנפידענס מוסד "החילות לנפל לפניו לא תוכל לו כי נפול תפול לפניו" פאר דריי מאות א יאר, מיט דריי וואקאציע'ס אין דוביי (באצאלט דורך א.פ.וו.ד.ד.), אדער איוועליוציטן טייערע אומשולדיגע בחורים אז זיי קענען נישט צובינדן די שיך (טויזנט דאלער א בחור, געפאנדעד דורך א.פ.וו.ד.ד. מ'קען גרינג פארדינען א פערטל מיליאן דאלער!) אויך האט ער געהערט אז מ'זוכט א מזכיר אין בית דין שטיבל "שלם ישלם המבעיר את הבעירה" וואס ספעציאליזירט זיך אין מאכן גטין השם ישמרינו.
אויך האט מען אים געברענגט הצעות פון עמעזאן, לייף אינשורענס, מארדגעדזשעס, אפרעיזל, מענעדזשמענט, מעינטענעס סופלייס סעילס, פעקעדזשינג סעילס, קאנקריט קאטינג, קוקי קאטטינג, קוקי איטינג. און נאך פארשידנס........
ס'האט זיך ארויסגעשטעלט א אינטערעסאנטע בילד, אונזער געלונגענער משה'לע בילדערמאכער, וואס האט געשיינט און געפינקלט ביז די צוויי און צוואנציג האט אנגעהויבן צו ווייזן סימנים פון מאדנעקייט. אזוי מצליח געווען ביז יעצט, און פלוצלונג ווען ס'קומט צו זוכן א דזשאב טאפט מען א דופן עקומה מיט אים, יעדע דזשאב אפפער וואס מ'ברענגט אים זאגט ער ניין מיט א גרויסן אלף.
זיין חבר יאסעלע ווייסעלע זאגט איך מוז דאס אויספיגערן, עפעס ליגט דא, א מענטש ווערט נישט אין צוויי וואכן פון א טאפ טאפ מוצלח צו א שטיק דומהייט. עפעס ליגט דא, ער זאגט אים מיין טייערע חבר אפשר קען איך אריבער קומען צו דיר מיט א קלאסיפייד ליסט פון זעכציג דזשאבס, זאגט ער אדרבה.
ער קומט אריבער מיט בלינצעס און סושי און ער לייגט אראפ אויפ'ן טיש אלע ביומו'ס: חיים ביומו, טובים ביומו, וואכנאכט יומי, ויבשר לנו,

יעדע דזשאב אפפער וואס מ'ברענגט אים זאגט ער ניין מיט א גרויסן אלף

בשורות טובות, ישועות ונחמות, אורות נשגבות, חסדי אורות, דירות פארטימל, כאפ א דרימל, כאפ א דזשאב, כאפ א וואכנאכט, גיי צום וואכנאכט ווען די ווייב לייגט אליין שלאפן אלע זעקס קינדער, איש מוצלח, גיימיר עסן ניסלעך, גיימיר אויף א באַרביקיו, גיימיר עסן הארטע דזשערקי, וואס טוטצעך, וואס הערצעך, ווער ווייסט, ווער הייסט, ווער האט געפאסט היינט, ווער נעמט קאקאשקעיק, ווער שיקט אוועק די קינדער ביי די טאטעס-קידוש, לוח מכירת חפצים, לוח הגמחי"ם לעשות חובות בעת שמחתינו, לוח השטריימל של עשרת אלפים לחתן בן יומו שאינו יודע בין ימינו לשמאלו, לוח ה'האטליינס לבחורים מצוינים שמקיימים הבטלה מביאה לידי שעמום, לוח המוסדות, לוח הקלאסיפייד, און אזוי ווייטער. פלוצלונג זעט יאסעלע ווי משה'לעס טייטל-פינגער שפאצירט אויף א עד אין קלעסיפייד, "געזוכט א קעשיער אין א קעמרע סטאר" יאסעלע האט א גוט קעפעלע, ער פארשטייט אז מ'קומט צום שורש פון די דזשאב-רעטעניש.

וואס האלטסטו פון די קעשיער דזשאב?

איך קאל אים יעצט! גייסט עס נעמען? זיכער! וואס זעסטו אין דעם? ווען איך הייב אן די ערשטע מאל אין לעבן טון פאר פרנסה מוז עס האבן צו טון מיט בילדערמאכעריי! פארוואס? ווייל כ'האב געהערט אז ס'איז דא א איד, א עושר, א גרויסער בעל צדקה, וואס איז געווארן רייך פון קעמרע'ס, ער האט געעפנט א קעמרע סטאר פאר פופציג יאר צוריק און ער איז געווארן ביז צוואנציג יאר די גרעסטע קעמרע סטאר אין די וועלט, ממילא פארשטייט זיך אליין אז איך נעם נישט גארנישט אין באטראכט נאר עפעס וואס האט צו טון מיט בילדערמאכעריי, זאגט משה'לע בילדערמאכער מיט פאטאס.

לאך נישט! איך האב א חבר וואס לערנט גמרא נאר מיט א חברותא! אויב זיין חברותא קומט נישט לערנט ער נישט! אויב זיין חברותא'ס ברודער מאכט היינט חתונה לערנט ער נישט!

זיין חברותא איז אויך נישט אוועילעבל פרייטאג און שבת און יעדן צווייטן זונטאג.

אויב מלערנט "נאר" מיט א חברותא קען מען אויסזען באלד ווי משה'לע בילדערמאכער, ער קען נאר ארבעטן מיט קעמרע'ס ווייל איינער האט מצליח געווען אין קעמרע'ס.

סאו וואס ווילסטו? די גאנצע וועלט זאל נאר זאגן משניות? אפלאזן אלע חברותות? קיינער טאר נישט לערנען גמרא תוספות? קיינער טאר נישט לערנען מהרש"א? דאס איז די אדזשענדע אין ברסלב?

חלילה! די אדזשענדע אין ברסלב איז אז דו זאלסט גארנישט טוישן!

לייג נאר צו איין פרק משניות יעדן טאג.

אין א טאג איז דא 1440 מינוט. 1435 מינוט זאלסטו זיך פירן אזוי ווי ביז יעצט, און פינף מינוט זאלסטו זאגן משניות.

פלוצלונג וועסטו זען אז דיין גמרא-תוספות שיעור וועט האבן סאך מער הצלחה ווי דו מיינסט. דו וועסט אנקומען צו לערנען מער מהרש"א ווי דו טראכסט!

דארפסט עס נישט גלייבן..... קענסט עס פארזוכן...... פרוביר צו זאגן משניות פינף מינוט א טאג...... יעדע זאך אין דיין לעבן וועט זיך טוישן! הייב אן פון ברכות, זאג יעדן טאג איין פרק, דו וועסט ווערן א איש אחר לגמרי.

האסט נישט קיין צייט צו זאגן איין פרק?

סיריעסלי? יו פאר ריעל? אויב דו האסט נאך צייט צו ליינען די "נאראנים-צעטל" אדער "וואכנאכט-צעטל" אדער די "אנטלויפן-פון-העלפן-אין-שטוב צעטל" זאג נישט אז דו האסט נישט פינף מינוט צו זאגן איין פרק משניות.

אפשר וועסטו גארנישט פארפאסן אויב דו וועסט נישט ליינען די "נאראנים-צעטל" פאר איין טאג? (מארגן מוזטו עס ווייטער ליינען כדי אמעריקע זאל נישט חרוב ווערן)

אפשר קענסטו אוועק געבן איין סטעטוס א טאג צו זאגן א פרק משניות אנשטאט? מ'וועט דיר שפעטער נאכשיקן די וויכטיגע בילד פון דיין חבר'ס מעגע מעגע רעזל אייס קרים בראוני קעיק נאך די פופו-פלעטעטער.

די פאקט איז אז זאגן משניות טוישט א מענטש מקצה אל הקצה, הייב עס אן היינט, און לאז וויסן אויב מ'האט דיך אפגענארט.

ענבי הגפן בענבי הגפן דבר נאה ומתקבל?

סימן טוב ומזל טוב

פון טיפן הארצן טוהען מיר וואונטשן א הארציגע

ברכת מזל טוב

פאר ידידינו החשוב וואס געבט זיך כסדר אוועק בלב ונפש, מיט רצון, טרחה און ממון פאר די הצלחה פון בית מדרשינו אין ירושלים, און פאר די הצלחה פון די מוסדות אין ירושלים

פירט מיט מסירות נפש די בית הדפוס אין עיה"ק ירושלים

ה"ה מוה"ר **שמעון עוזר פערל** הי"ו

ולנוות ביתו החשובה תחי'

וואס שטייט צו זיין רעכטע האנט לילות כימים במסירות נפש און געבט אוועק צענדליגער שעות א וואך פארן ספר עצתו אמונה המתורגם

לרגל די גרויסע שמחת החתונה פון זייער זון

החתן **שמואל אייזיק** נ"י

עב"ג טאכטער פון ידידנו

מוה"ר **יוסף סאקס** הי"ו

מלמד מומחה תלמוד תורה היכל הקודש עיה"ק טברי'

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זוכה זיין צו זען אסאך אידיש נחת פון אלע קינדער און אייניקלעך און האבן די כוחות צו קענען ממשיך זיין מיט די הייליגע ארבעט און אריינברענגען די ליכטיקייט פונעם הייליגן רבי'ן אין די גאנצע וועלט

אמן

הנהלת המוסדות

א מעשה
פון א צדיק

דֶער מַשְׂכִּיל פוּן שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב װֶערְט אַ עֶרְלִיכֶער אִיד

פַארְגַאנְגֶענֶע וָואךְ הָאבְּן מִיר פַארְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ אִיד אַ מַשְׂכִּיל רַחֲמָנָא לִצְלָן וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט אִים גֶעמַאכְט פַאר אַן עֶרְלִיכֶע אִיד.

אוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען אִין דִי צַייטְן פוּן רֶבִּי נָתָן נָאךְ אַ אִיד, לֵיידֶער אַ מַשְׂכִּיל רַחֲמָנָא לִצְלָן, וָואס הָאט גֶעוואוֹינְט אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, דָארְט וואוּ רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעוואוֹינְט.

דֶער מַשְׂכִּיל אִיז גֶעוֶוען לֵיידֶער אַזוֹי וַוייט פַארְפָארְן אוּן פַארְדָארְבְּן, אַז עֶר הָאט מְחַלֵל שַׁבָּת גֶעוֶוען רַחֲמָנָא לִצְלָן.



אֵיין שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט אִין אִים דִי פִּינְטֶעלֶע אִיד וָואס אִיז דָא אִין יֶעדְן אִיד, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַרִיבֶּערְגֶעכַאפְּט צוּם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ פוּן רֶבִּי נָתָן, בִּשְׁעַת מֶען הָאט גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת.

וֶוען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן אִים גֶעזֶען אַרַיינְקוּמֶען נָאךְ מִיט פַארְשְׁמִירְטֶע הֶענְט פוּן דִי טִינְט וָואס עֶר הָאט מַמָּשׁ יֶעצְט גֶענִיצְט צוּ שְׁרַייבְּן אִין שַׁבָּת רַחֲמָנָא לִצְלָן - הָאבְּן זֵיי אִים גְלַייךְ גֶעוָואלְט אַרוֹיסְטְרַייבְּן פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ.

אָבֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט זֵיי נִישְׁט גֶעלָאזְט מֶען זָאל אִים פַארְטְרַייבְּן, רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: נִישְׁט אוּמְזִינְסְט אִיז עֶר גֶעקוּמֶען דָא בַּיי אוּנְז אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, מִן הַסְתָּם גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער שְׁוֶועריִקַייטְן אִין לֶעבְּן אוּן עֶר דַארְף חִיזּוּק.

אַזוֹי אִיז עֶר דָארְט פַארְבְּלִיבְּן אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּן גֶעהֶערְט דִי גֶעוַואלְדִיגֶע חִיזּוּק פוּן רֶבִּי נָתָן וָואס הָאט אוֹיפְגֶעפְלַאמְט דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פוּן דֶעמָאלְט אוּן וַוייטֶער אִיז עֶר שׁוֹין גֶעקוּמֶען דַאוֶוענֶען יֶעדְן שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, אוּן נָאכְאַמָאל זִיךְ צוּגֶעהֶערְט צוּ דִי לֶעכְטִיגֶע דִיבּוּרֵי הִתְחַזְקוּת פוּן רֶבִּי נָתָן, בִּיז עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה גָּמוּר אוּן אַ גְרוֹיסֶע צַדִּיק.

רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ אַמָאל אוֹיסְגֶעדְרִיקְט אוֹיף אִים אַז עֶר וֶועט זִיךְ בַּארוּמֶען מִיט אִים אוֹיבְן אִין הִימְל פַארְן כִּסֵּא הַכָּבוֹד.

אוֹיף דִי צְוֵויי אִידְן הָאט רֶבִּי נָתָן זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אוֹיסְגֶעדְרוּקְט: זֵיי וֶועלְן זַיין מַיינֶע מֶעדַאלְן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט".

אַזוֹי וִוי אַ שַׂר וָואס בַּאקוּמְט אַן אוֹיסְצֵייכֶענוּנְג וֶוען עֶר טוּט אַ אוֹיסֶערְגֶעוֶוענְלִיכֶע זַאךְ, אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי מִיר אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב דִי צְוֵויי אִידְן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט אִיבֶּערְדְרֵייעֶן פוּן אַפִּיקוֹרְסִים אוּן כּוֹפְרִים, אוּן זֵיי מַאכְן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים, אוּן מִיט זֵיי וֶועל אִיךְ מִיךְ בַּארוּמֶען אוֹיבְן אִין הִימְל.

(ספר אילן החיים אות צז)

דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס
לֶעבֶּנסְגֶעשִׁיכְטֶע

| פ א ר ז ע צ ו נ ג |

- מ"ח -

פָּארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר: דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק בַּאקַאנְט גֶעוָוארְן אִין שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְקֶע אַלְס אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל מוֹפֵת אוּן אַ מַמְתִּיק דִּינִים. אֵיינְמָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וִוי אַזוֹי דִי צַדִּיקִים מַאכְן אַ פִּדְיוֹן, וַוייל מְ'דַארְף דָאךְ קֶענֶען אַלֶע פִיר אוּן צְוָואנְצִיג בָּתֵּי דִּינִים, אוּן וֶוען מְ'בְּרֶענְגְט זֵיי אַ פִּדְיוֹן, דַארְפְן זֵיי וִויסְן אִין וֶועלְכְן בֵּית דִּין מְ'אִיז יֶענֶעם דַן. סְ'קֶען דָאךְ זַיין אַז מְ'מַאכְט אַ פִּדְיוֹן אוּן מְ'אִיז מַמְתִּיק דִי דִּינִים בַּיי אֵיין בֵּית דִּין, אוּן בֶּאֱמֶת אִיז מֶען יֶענֶעם גָאר דַן אִין אַן אַנְדֶערְן בֵּית דִּין. דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען וִויסְן קוֹדֶם אִין וֶועלְכְן בֵּית דִּין מְ'אִיז יֶענֶעם דַן, אוּן דֶערְנָאךְ מַאכְן דֶעם פִּדְיוֹן אוּן הַמְתָּקָה דָארְט בַּיי יֶענֶעם בֵּית דִּין". "אָבֶער אִיךְ" - הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט - "אִיךְ קֶען אַלֶע פִיר אוּן צְוָואנְצִיג בָּתֵּי דִינִים.

* * *

אוֹיךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וִוי אַזוֹי מְ'קֶען מַאכְן אַ פִּדְיוֹן, וַוייל מְ'קֶען נִישְׁט מַאכְן קֵיין פִּדְיוֹן נָאר אוֹיב מְ'וֵוייסְט וִוי אַזוֹי דֶער כֹּהֵן גָדוֹל הָאט זִיךְ גֶעפִירְט מִיטְ'ן שָׂעִיר הַמִּשְׁתַּלֵּחַ".

דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיךְ גֶעזָאגְט דֶעמָאלְט וֶועגְן דֶעם עִנְיָן, "דָאס וָואס אִיר זֶעט אַז אִיךְ שְׁרַייבּ צוּמָאל עֶפֶּעס אַרָאפּ אוּן אִיךְ פַארְבְּרֶען דֶעם פַּאפִּיר; דֶעמָאלְט שִׁיק אִיךְ דִי זַאךְ דוּרְךְ דִי רוֹיךְ", אוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט שׁוֹין מְרַמֵּז גֶעוֶוען אַבִּיסְל וֶועגְן דֶעם אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ.

[וֶוען מְ'טְרַאכְט אַרַיין זֶעט מֶען פוּן דֶעם דִי גֶעוַואלְדִיגֶע גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, צוּ וָואסֶערֶע גְרוֹיסֶע זַאכְן עֶר הָאט שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען נָאךְ אַזוֹי יוּנְג וֶוען עֶר אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אִין מֶעדְוֶועדִיוְקֶע, אוּן זִיכֶער צוּ וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען שְׁפֶּעטֶער אִין לֶעבְּן, וַוייל עֶר הָאט דָאךְ נִישְׁט גֶערוּהט קֵיין אֵיין סֶעקוּנְדֶע, עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעשְׁטִיגְן מֶער אוּן מֶער אִין עֲבוֹדַת ה'.]

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז סְ'אִיז אִים אַ וואוּנְדֶער אוֹיבּ מְ'בְּרֶענְגְט פַאר אֵיינֶעם אַ פִּדְיוֹן אוּן מְ'דֶערְצֵיילְט אִים אִיבֶּער אַ גֶעוִוסֶע צַעַר, צוּם בַּיישְׁפִּיל אַז אֵיינֶער אִיז קְרַאנְק אוּן דָאס גְלַייכְן, אוֹיבּ יֶענֶער שְׁפִּירְט נִישְׁט דִי זֶעלְבֶּע צַעַר אוּן יִסוּרִים אַזוֹי וִוי דֶער חוֹלֶה אַלֵיין.

מְ'הָאט פַארְשְׁטַאנֶען פוּן רֶבִּי'ן אַז וֶוען מְ'קוּמְט צוּ אִים בֶּעטְן עֶר זָאל מִתְפַּלֵּל זַיין אוֹיף אַ קְרַאנְקְן, אָדֶער אַן אַנְדֶערֶע צָרָה, אַז עֶר שְׁפִּירְט טַאקֶע דִי זֶעלְבֶּע צַעַר אוּן יִסוּרִים אַזוֹי וִוי דֶער חוֹלֶה אַלֵיין.

מְ'הָאט דָאס גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי'ן אַסַאךְ מָאל אַז עֶר שְׁפִּירְט מִיט מַמָּשׁ יֶעדֶע צַעַר וָואס מְ'דֶערְצֵיילְט אִים. אֵיינְמָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אוֹיף זִיךְ, "אִין אָנְהוֹיבּ פְלֶעג אִיךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן דִי צַעַר אוּן יִסוּרִים פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וַוייל סְ'פְלֶעגְט זִיךְ מַאכְן אַמָאל אַז אֵיינֶער אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר דֶערְצֵיילְן אַ צָרָה אוּן אִיךְ הָאבּ עֶס נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט, דֶערִיבֶּער הָאבּ אִיךְ מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן דִי צַעַר פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער. יֶעצְט אָבֶער, וֶוען אֵיינֶער קוּמְט מִיר דֶערְצֵיילְן אַ צַעַר, שְׁפִּיר אִיךְ דֶעם צַעַר נָאךְ מֶער פוּן יֶענֶעם אַלֵיין, סְ'טְרָאפְּט מִיר מַמָּשׁ בְּלוּט פוּן גְרוֹיס צַעַר. דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיין קֶען נָאךְ טְרַאכְטְן אַמָאל פוּן אַנְדֶערֶע זַאכְן אוּן אַזוֹי פַארְגֶעסְן פוּן זַיין צַעַר, אִיךְ קֶען עֶס אָבֶער נִישְׁט פַארְגֶעסְן, אוּן אִיךְ בִּין זִיךְ מְצַעֵר נָאךְ מֶער פוּן אִים אַלֵיין".

אֵיינְמָאל הָאט אֵיינֶער פוּנֶעם רֶבִּינְ'ס מֶענְטְשְׁן גֶעבֶּעטְן דֶעם רֶבִּי'ן אַז עֶר זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן אִים, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ פַארְגֶעסְן פוּן אֵיינֶעם פוּן אַייךְ? יֶעדֶער פוּן אַייךְ הָאט דָאךְ אַ פְּלַאץ בַּיי מִיר אִין הַאֶרְץ!"

אוֹיךְ הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ דֶעמָאלְט אוֹיפְגֶעטוּן, אַז עֶר קֶען נִישְׁט שְׁלָאפְן, וַוייל אֵיידֶער עֶר גֵייט שְׁלָאפְן קוּמֶען צוּ אִים אַלֶע זֶעקְס הוּנְדֶערְט אוֹתִיוֹת פוּן דִי תּוֹרָה, אוּן זֵיי שְׁטֶעלְן זִיךְ פַאר אִים.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ זֶעט פַארְ'ן שְׁלָאפְן אַלֶע נְשָׁמוֹת וָואס זֶענֶען שׁוֹין נִפְטָר גֶעוָוארְן פוּן זַיינֶע קְרוֹבִים אָדֶער וָואס זֶענֶען פוּן זַיין שׁוֹרֶשׁ. אַזוֹי וִוי סְ'אִיז בַּאקַאנְט אַז אֵיידֶער אַ מֶענְטְשׁ שְׁטַארְבְּט זֶעט עֶר דִי אַלֶע נְשָׁמוֹת, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אוֹיךְ פַארְ'ן שְׁלָאפְן, וָואס אִיז אַ זֶעכְצִיגְסְטְל פוּן טוֹיט, זֶעט אוֹיךְ יֶעדֶער דִי אַלֶע נְשָׁמוֹת. נָאר דִי נְשָׁמוֹת פְלִיעֶן דוּרְךְ אַזוֹי שְׁנֶעל פַאר זַיינֶע אוֹיגְן, אַז דֶער מֶענְטְשׁ בַּאמֶערְקְט עֶס אֲפִילוּ נִישְׁט.

דֶער אֱמֶת אִיז אַז אוֹיךְ פַארְ'ן שְׁטַארְבְּן אִיז נִישְׁט יֶעדֶער אֵיינִיג אִין דֶעם, נִישְׁט יֶעדֶער זֶעט קְלָאר דִי אַלֶע נְשָׁמוֹת, סְ'זֶענֶען דָא וָואס אֲפִילוּ דֶעמָאלְט פְלִיעֶן דִי נְשָׁמוֹת דוּרְךְ פַאר אִים גָאר שְׁנֶעל אַז דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט עֶס נִישְׁט אוֹיף גֶעהֶערִיג, עֶר זֶעט נָאר אַ שַׁיין אוּן אַן הִתְנוֹצְצוּת פַאר דִי אוֹיגְן. אָבֶער פַארְ'ן שְׁלָאפְן זֶעט דֶער מֶענְטְשׁ נָאר אַ זֶעכְצִיגְסְטְל פוּן דִי שַׁיין, אוּן דֶערִיבֶּער כַאפְּט עֶס דֶער אוֹיג נִישְׁט אוֹיף. דֶער מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אֲפִילוּ נִישְׁט פוּן דֶעם אַז עֶר זֶעט דִי נְשָׁמוֹת, וַוייל דֶער שַׁיין פוּן דִי נְשָׁמוֹת אִיז גָאר קְלֵיין אוּן סְ'פְלִיעֶט דוּרְךְ זֵייעֶר שְׁנֶעל, אָבֶער יֶעדֶער מֶענְטְשׁ זֶעט לְמַעֲשֶׂה דִי אַלֶע נְשָׁמוֹת אֵיידֶער עֶר גֵייט שְׁלָאפְן.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם
גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

עשרה ראשונים

נוטלים שכר כולם

מיר הייבן אן בויען!

מיט גרויס פרייד און עקסטאז האבן אנשי שלומינו אויפגענומען די גינסטיגע בשורה אז מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף האבן מיר מצליח געווען אפצוקויפן א נייע ריזיגער שטח הארט נעבן דעם עקזעסטירנדן בנין היכל הקודש אין אומאן, וואו מען גייט בעזהשי"ת אויפבויען דער נייער שול 'דעם רבינס שול'.

אנשי שלומינו זענען באקאנט מיטן מציאות אז די יעצטיגע בנין איז שוין אויסגעוואקסן איר פלאץ און קען שוין נישט דינען דאס געברויך פון די פילע תלמידים און מקורבים וואס ווילן דאווענען ראש השנה אינאיינעם מיט'ן ראש ישיבה שליט"א און תלמידי היכל הקודש, מוזן מיר שוין אנהייבן מיט די מאסיווע בוי ארבעט אז די נייע שול זאל שוין קענען זיין גרייט ווי אמשנעלסטן.

זעלבסט פארשטענדליך אז צו קענען אנהייבן מיטן פאקטישן בוי ארבעט, צו בויען דעם גראנדיעזן פראיעקט, פארלאנגט זיך גרויסע סכומים.

צו דעם יעצטיגן צייט שטעלן מיר ארויס אן איינמאליגע געלעגנהייט פאר אנשי שלומינו וואס האבן א געפיל אין רבי'ן, וואס ווילן נעמען א זכות נצח אינעם בנין האדיר לתפילה ולתורה, און זיין פון די 'עשרה ראשונים' אנצוהייבן בויען דעם שול.

רוב זכותי 'עשרה ראשונים' זענען שוין פארקויפט געווארן ווי נאר עס איז באקאנט געווארן אז מיר הייבן שוין אן בויען, אבער געציילטע זכותים זענען נאך פארבליבן פאר אנשי שלומינו וואס ווילן נאך קענען ארייננכאפן דעם זכות 'עשרה ראשונים'.

די נדיבים בעם וואס ווילן ארייננכאפן דעם איינמאליגן געלעגנהייט קענען זיך פארבונדן מיט די קרן הבנין, די פרייז איז פינף און צוואנציג טויזנט דאלער, כאפט אריין צו נעמען א באדייטנדער חלק אינעם נייעם שול, און די זכות וועט אייך אייביג באגלייטן, בזה ובבא.

ווען דער הייליגער רבי נתן זכותו יגן עלינו האט זיך געגרייט צו בויען דעם קלויז אין אומאן, ער איז ארומגעגאנגען קלייבן געלט צום בויען, איז אים דאס נישט אנגעקומען גרינג, מען האט זיך ארויסגעדרייט פון געבן. איינמאל האט ער אנגעטראפן ביים גיין נאך געלט ר' אברהם בערניו, דעם רבינ'ס אייניקל, וואס איז געווען א גרויסער עושר, און רבי נתן זאגט אים: "אברהם בערניו, דער רבינ'ס זאך וועט זיך אויספירן אן דיר אויך, אבער שענער און בעסער וועט זיין אז דו וועסט צוהעלפן", ער איז זייער נתעורר געווארן פון די ווערטער און ער האט געגעבן פאר רבי נתן א שיינע נתינה.

לאמיר זיך דערווארעמען די הערצער ארויסצוהעלפן בויען דעם הייליגן רבינ'ס שול, סמוך ונראה למקום גניזת קודשו!

מיין
שותפות
אונעם רבינ'ס שול
25
אלפים
נמכר
נמכר

מסירות נפש

היסטאריע פון
ראש השנה תשפ"א

שמואל בער שניטצלער



"אומאן

אומאן ראש השנה" - אט די ווערטער קומט ארויף אויפן געדאנק פון יעדן ברסלב'ער חסיד די בכל אתר ואתר - לכל הפחות איין מאל א טאג. פון מוצאי ראש השנה ביז די קומענדיגע ערב ראש השנה זענען אלע ערליכע אידן וואס גלייבן אין רבי'ן פארנומען מתפלל צו זיין מיר זאלן אלע דארט זיין און זוכה זיין צו די גרויסע תיקונים וואס דער הייליגער רבי וועט אונז מתקן זיין.

איבריג ארויסצושרייבן אז ווי גרעסער און חשוב'ער א זאך איז אלץ שווערער קומט עס אן, בפרט ביים רבינ'ס ראש השנה ווי דער הייליגער רבי האט בפירש געזאגט: "מיין גאנצע זאך איז ראש השנה, קיינער טאר נישט פעלן!" נאך האט דער הייליגער רבי געזאגט: "אפילו א מענטש וועם איך קען נישט פארריכטן א גאנץ יאר, אויב וועט ער קומען צו מיר אויף ראש השנה וועל איך אים מתקן זיין!" דעריבער פרובירט דער סמ"ך מ"ם מיט אלע כוחות צו צושטערן דעם רבינ'ס ראש השנה דורכן אויספרובירן יעדן איינעם מיט שווערע מניעות, ער וועט טון אלעס אין דער וועלט אבי נאך א איד זאל נישט ביים רבי'ן אויף ראש השנה, ביי איינעם איז עס די נאנטע משפחה, ביי א צווייטן איז עס די עלטערן, ביי דעם איז עס די געלט, און אזוי ווייטער, אבער מיט דעם אלעס - ווי די היסטאריע האט געוויזן - פרובירט מען זיך צו שטארקן יעדעס יאר פון פריש, און מ'ברעכט דורך אלע מניעות וואס ס'קומט נאר אינטער, אלעס צו קענען זיין ביים רבי'ן אויף ראש השנה.

ווי אנשי שלומינו דערציילן קען מען יעדעס יאר ארויסגעבן א גאנצע בוך יעדער איינער וואס ער איז אלץ דורכגעגאנגען אנצוקומען צום רבי'ן, אבער אין די פארגאנגענהייט איז געווען איין ראש השנה וואס איז נישט געווען סתם נאך א ראש השנה, יענעם ראש השנה איז געבליבן איינע פון די דראמאטישסטע קאפיטלען אין די היסטאריע פון פארן צום רבי'ן אויף ראש השנה מיט די גרעסטע מסירות נפש וואס איז נאר שייך, נאך מער ווי אין די קומוניסטישע צייטן, דאס איז געווען ראש השנה תשפ"א, אין די צייט ווען די 'קאראנע ווירוס' איז אנגעגאנגען מיטן פולן שוואונג.

אנגעהויבן האט זיך עס ווען א חודש פאר ראש השנה האט די אוקריינע רעגירונג ארויסגעלאזט א שמועה אז ווער ס'וויל זיין ראש השנה אין אומאן קען יעצט אריינקומען ווייל די גרעניצן פון אוקריינע וועט ווערן צוגעשפארט אין דריי טעג ארום. אלע אנשי שלומינו האבן זיך באנוצט מיט די מתנה פון רבי'ן פון התבודדות, און ס'האט זיך ארויסגעשטעלט אז ממש איינצלנע זענען געפארן אבער רובם ככולם זענען געבליבן דאהי' און מתפלל געווען מ'זאל יא זוכה זיין דארטן צו זיין.

למעשה, יעדן טאג וואס איז אדורך איז געווארן נענטער צו ראש השנה, און מען דארף זען עפעס אן עצה וויאזוי' מען גייט אנקומען קיין אומאן, איז דעמאלט ארויפגעקומען א געדאנק פון זיך אריינבאקומען אין אוקריינא אויף א דרך לא דרך, דער עולם האט געכאפט די פאספארטן און זיך ארויסגעלאזט אין וועג מיטן ציל צו פארן צו איינע פון די לענדער וואס גרעניצן זיך מיט אוקריינע און פון דארט זיך אריינריקן אין אוקריינע דורך אנדערע סארט וועגן, טאקע א שווערער וועג אבער צום סוף וועט מען זיין אין אומאן. ביז אפאר טעג זענען שוין א גרויס חלק פון די אייראפעישע לענדער געווען פיל מיט אנשי שלומינו וואס בענקען און האפן צו ווילן ביים רבי'ן אויף ראש השנה, אין ענדע האט מען נישט געקענט אריינגיין קיין אומאן האבן זיך אנשי שלומינו מיט שווערע געפילן צוריק געדרייט ממש א טאג צוויי פאר ראש השנה.

פון יענע גאנצע וואך איז דא גאר אסאך צו דערציילן, אבער ווי נישט ווי ווילן מיר עפעס מיטטיילן מיט די פרישע מקורבים ממש אויפן שפיץ גאפל וואס דארט האט זיך געטון, האט די מערכת ה'בלעטל זיך אוועקגעזעצט מיט אפאר אינגעלייט וואס זענען דעמאלטס געווען אין איינע פון די לענדער ארום אוקריינע און הערן פון זיי וואס האט זיך געטון דארטן איש על מחנהו.

שבתי מארקוס	יואל וועבערמאן	אברהם יצחק אייזנער	ישעי' איידליס	אייזיק ראטה	מרדכי היימליך
קערעסטיר	לאנדאן	מאלדאווע	אמעריקא	אומאן	מאלדאווע

פאר מיר גייען אריין די היסטאריע פון ראש השנה תשפ"א, לאמיר הערן קודם וויפיל יאר פארסט שוין קיין אומאן און ווער האט דיר געברענגט די ערשטע מאל קיין אומאן?

מרדכי:

איך הייס מרדכי היימליך, איך וואוין אין קרית ברסלב, איך פאר שוין יעצט די צענטע יאר אויף אומאן מיטן אייבערשטנ'ס הילף.
די ערשטע מאל איך בין געווען אין אומאן איז געווען פונקט צען יאר צוריק, איך בין מקורב געווארן אנפאנג ווינטער. איין מוצאי שבת איז געווען א שטיקל שמועס אין בית המדרש מיט דער ראש ישיבה, און דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן צו מיר: "נאך אביסל גיי איך שוין אנהייבן רעדן פון ראש השנה אין אומאן, אבער דיר מאטי זאג איך פאראויס דו זאלסט נישט קומען קיין אומאן, דו קענסט נישט פארן", דעמאלטס האב איך אפגעאטעמט ווי א שטיין איז אראפ פון הארץ, ווייל אין מיין קאפ האט נישט געשטימט אז איך קען קומען קיין אומאן אויף ראש השנה, און דאס איז געווען איינע פון די זאכן וואס האט מיך אפגעהאלטן פון מקורב ווערן אז איך וועל דארפן קומען קיין אומאן, אבער דא בין איך געווארן רואיג ווען דער ראש ישיבה האט געזאגט אז איך דארף נישט פארן.
למעשה, מיט די צייט בין איך מער און מער מקורב געווארן און ווען ס'איז געקומען זומער האט אנגעהויבן ברענען אין מיר דעם רבינ'ס ראש השנה, איך האב זייער שטארק געוואלט פארן. א חבר האט מיר דערציילט אז מ'קען קויפן א טיקעט מיט אינשורענס, דאס הייסט אויב דו פארסט נישט באקומסטו צוריק די געלט, הגם איך בין געווען זיכער אז איך קען נישט פארן, מיט דעם אלעם בין איך געגאנגען דערפאר. למעשה האט דער אייבערשטער צוגעפירט אז זייער אסאך זאכן זענען געפאלן אין פלאץ און ראש השנה האב איך געהאט די זכי' צו זיין ביים רבי'ן אויף ראש השנה, זייט דעמאלטס פאר איך יעדעס יאר, איך האף צום אייבערשטן אויף דאס יאר אנצוקומען.

יצחק אייזיק:

איך הייס יצחק אייזיק ראטה, איך וואוין אין קרית ברסלב.
אכט יאר צוריק בין איך געווען די ערשטע מאל אין אומאן אויף ראש השנה, דער ראש ישיבה האט מיך שטארק אנגעווארעמט דערצוועגן, א שיינע פאר בריוון האב איך באקומען יענעם יאר בנוגע ראש השנה, אויך האב איך געהאט אסאך שיחות חברים מיט'ן דיין שליט"א און דער דיין האט מיך זייער מחזק געווען איך זאל קומען קיין אומאן אויף ראש השנה.

די מכה בפטיש איז געווען מו"ה יודי פריינד הי"ו, איך האב געארבעט מיט אים אינאיינעם און ער האט מיר ארויסגענומען פון מיין קטנות אז ביי יעדעם איז דא מניעות, מ'ברעכט עס אדורך און מ'קומט צום רבי'ן.

ישעי':

איך הייס ישעי' איידליס, איך וואוין אין וויליאמסבורג, איך בין א מלמד אין מוסדות ברסלב וויליאמסבורג, און איך פאר שוין קיין אומאן פאר דרייצן יאר ברוך השם, כן ירבו.

אברהם:

איך הייס אברהם יצחק אייזנער, שרייבנדיג די שורות האלט איך יעצט אינמיטן זיך אריבערציען פון וויליאמסבורג קיין קרית ברסלב, (יעצט ווען איר ליינט די בלעטל איז שוין ר' אברהם יצחק פון די חשוב'ע תושבים ביי אונז אין שטעטל) און איך פאר שוין קיין אומאן פינף יאר.
שכח אייבערשטער אז מיין טאטע איז געווען פריילך צו הערן אז איך וויל לערנען אין ישיבה און שפעטער אויך פארן אויף אומאן, ס'קומט זיך טאקע א גרויסע הכרת הטוב פאר מיין שוואגער מו"ה אברהם דאנציגער הי"ו פון קרית טאהש פארן מיר אריינלייגן אין ישיבה. פון חמשה עשר באב און ווייטער איז נישט דא קיין שיעור וואס דער ראש ישיבה זאל נישט דערמאנען 'אומאן ראש השנה', דאס האט אנגעצונדן אין מיר א פייער צו פארן אויף ראש השנה קיין אומאן. איז אפילו נישט געבליבן קיין צוויי אפציעס, מ'פארט.

יואל:

איך הייס יואל וועבערמאן פון קרית ברסלב, ברוך השם איך האב די זכי' צו פארן דאס יאר קיין אומאן צום פערצן'סטע יאר.

שבתי:

איך הייס שבתי מארקוס, איך האלט נישט אז איך דארף מיך באקאנט מאכן פארן ציבור, דער עולם קען מיך שוין מער ווייניגער, און ווילאנג איך פאר קיין אומאן געדענק איך שוין אויך נישט, איך דארף עס

נאכקוקן.

איז לאמיר אריבערגיין צו ראש השנה תשפ"א. די גאנצע נישט קענען פארן אויף אומאן האט זיך אנגעהויבן א חודש פאר ראש השנה, ווען אוקריינע האט געמאלדן אז די גרעניצן וועלן פארשלאסן ווערן אין די נאנטע טעג און ווער ס'וויל זיין אין אומאן ראש השנה זאל יעצט אריינקומען. וויאזוי האסטו דעמאלט געוואוסט וואס דו האסט צוטון?

אלע:

צום ערשט האב איך נישט געקענט אפמאכן וואס מ'טוט דא, יא פארן, נישט פארן, די קאפ האט געבוזשעוועט. למעשה האב איך געמאכט התבודדות וואס איך האב צוטון, נאכדעם האט מען שוין געהערט אז דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ווען מוהרא"ש וואלט געלעבט וואלט ער זיכער נישט געזאגט מ'זאל פארן קיין אומאן א חודש פאר ראש השנה, האמיר שוין געוואוסט וואס מ'האט צו טון.

קוקט אויס ענק אלע האבן זיך אפגעשמועסט צו ענטפערן די זעלבע זאך... איז למעשה די וואך פון ראש השנה, ווען האסטו אפגעמאכט 'איך מוז זיך ארויסזען פון אמעריקע'?

מרדכי:

ראש השנה יענעם יאר איז געפאלן שבת. ס'איז געווען א זונטאג פאר ראש השנה האט דער ראש ישיבה ארויסגעלאזט א מעסעדזש אויפן טעלעפאן פאר אנשי שלומינו זאגנדיג: 'ס'קומט נענטער צו ראש השנה און גארנישט רוקט זיך נישט, אוקריינע לאזט נישט אריין קיינעם, איך פאר יעצט ארויס פון אמעריקע, איך גיי זיך אריינזען אין אוקריינע מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף, און אלע פון אנשי שלומינו וואס האבן א וועג אריין אין אומאן זאלן זיך אויפהייבן און פארן, ווייל מ'ווייסט נישט וואס דער מארגן וועט ברענגען'... דעמאלטס האב איך אפגעמאכט 'זאל זיין וואס זאל זיין, איך פאר!

אייזיק:

יענעם זונטאג אינדערפרי האב איך געזען די בריוו פון דער ראש ישיבה ווי דער ראש ישיבה שרייבט: "איך פאר יעצט קיין אומאן, און ווער ס'האט א וועג זאל גיין", דאס האט מיר געגעבן די שטופ צו גיין.

יואל:

ווען איך האב געהערט דער ראש ישיבה איז געפארן האב איך זייער שטארק געוואלט זיך אויפהייבן און פארן, אבער מיין פאספארט איז נאך געווען אויפן וועג, איך האב עס נאכנישט געהאט באקומען. למעשה האט פאסירט א מעשה פון תפלה אז אויפצומארגנס אינדערפרי איז אנגעקומען

בריוו פון דער ראש ישיבה


בס"ד ב' האזינו א' התשפ"א אומאן
לכבוד — נ"י
איך דאנק דיר פארן זיך זארגן פאר
מיר איך זאל קענען אריבערקומען די
אוקריינא גרענעץ קענען זיין ביים הייליגן
רבי'ן אין אומאן אויף ראש השנה.
און די זעלבע צייט דאנק איך דיר זייער
אויך דו קענסט מיר העלפן אריין ברענגען
אלע מיינע תלמידים קיין אומאן און ערך פון
צ הונדערט מענטשן בחורים און יונגעלייט
וואס זייער גאנצע לעבן. איז דער רבי,
זיי שטיין און ווארטן בציון ענדליך צו קומען
צום רבי'ן זיי האבן אלע גרויסע די
פאספארטן און איך געלט וויפל געלט
מען דארף.
אין דעם זכות וואס זאלסטו זוכה זיין צו
א שנה טובה מבורכת
יואל ראטה

מו"ה שבתי מארקוס הי"ו אין עירפארט

מיין פאספארט, און געצײלטע שעה שפעטער בין איך שוין געווען אויפן וועג קיין אומאן מיט א גאנצע חבורה.

ישעי':

איך האב אויך נישט געהאט באקומען מיין פאספארט, און מיין פאספארט איז אפילו נישט אנגעקומען דעמאלטס אויך נישט, בין איך אראפגעפארן מיט מיין זון קיין קאנעטיקעט ווי מ'מאכט די איין-טאגיגע-פאספארט, מיט א גאנצע שפיל אז א יידע איז קראנק... און מיט אסאך תפילות, איך האב ברוך השם באקומען די פאספארטן און געפארן צום עירפארט.

שבתי:

יענעם זונטאג האב איך געטראפן מו"ה משה ארי' שניטצלער הי"ו אויף די מורטל גאס אין וויליאמסבורג, און ער זאגט מיר: "איך האלט קאפ אויף איין זאך, אומאן קומט נישט צו מיר אהיים, איך דארף מיך זען די אנדערע זייט אטלאנטיק אושען ווי אמשנעלסטנס, פון דארטן און ווייטער גייט שוין גרינגער". די ווערטער האט מיר געכאפט, ווי נישט ווי איז עס אמת, האב איך אפגעמאכט אז איך דארף מיך אויך זען דעם אנדערן זייט אטלאנטיק...

אברהם:

יענעם מוצאי שבת האב איך געגעסן מלוה מלכה ביין מיין שווער שליט"א, און ער האט דעמאלט געזאגט אז ווער ס'האט נישט קיין קלארע פלאן וויאזוי זיך אריינצובאקומען קיין אוקריינע איז דא שוואכע מעגליכקייטן ער זאל זיין אומאן אויף ראש השנה, ווייל ווי ס'שיינט האלטן נישט די אוקריינישע ביים זיך בייגן... דעמאלט האט עס מיר געגעבן א שטיקל שאקל, נאכדעם ווען איך האב געהערט אז דער ראש ישיבה איז געפארן האב איך מיך אנגעהויבן נאכפרעגן וויאזוי מ'קען פארן.

וויאזוי ביסטו למעשה געווארן געווארן אז ס'איז דא א וועג, און מיט וועלכע גרופע ביסטו געגאנגען?

אייזיק:

א יאר פארדעם בין איך געפארן קיין אומאן מיט האברך מו"ה מנחם שטיינבערג הי"ו, ס'איז גראדע געווען זייער א געשמאקע נסיעה, און א גאנץ יאר האט מיר מנחם געזאגט: "דאס יאר קום איך נאכאמאל מיט דיר!"

ווען די פרשה פון נישט קענען פארן איז אנגעקומען האב איך געוואוסט אז מנחם-גייט-אנקומען! ער איז באקאנט מיט די הויכע פענסטערס... האב איך אים געזאגט: "קענסט נישט יעצט צוריקציען, א גאנץ יאר זאגסטו מיר 'איך קום מיט דיר', יעצט איז מיין טשענס צו זאגן 'איך קום מיט דיר'..." אזוי איז טאקע געווען, ער רופט מיר אן זונטאג פארמיטאג און זאגט מיר: "איך פאר מיט דער ראש ישיבה קיין אומאן, איך פאר ארויס פון שטעטל אין א האלבע שעה, אויב דו ווילסט מיטקומען גרייט אן דיין פאספארט מיט זעקס טויזענט דאלער!" ווי נאר איך האב דאס געהערט בין איך אהיימגעפארן און זיך איינגעפאקט א רענצל, פארשטייט זיך איך האב פארגעסן האלב פון מיינע זאכן... און ביז א שעה בין איך שוין געווען אויפן וועג צו די עירפארט.

מרדכי:

איך האב נישט געהאט די פראטעקציע מיט די הויכע פענסטערס, וועו איך האב אפגעמאכט אז איך מוז פארן האב איך אנגעהויבן ארומרופן אינגעלייט פון שטעטל וויאזוי מ'קען גיין, אבער נאך אפאר פאון



קאלס האב איך געזען אז יעדער איז די זעלבע צומישט ווי מיר, קיינער האט נישט קיין אנונג וויאזוי מ'קען גיין און צו ס'איז בכלל דא א וועג. למעשה האט מיר איינער פארבינדן מיט מו"ה בנציון יאקאבאוויטש הי"ו פון שטעטל און ער זאגט מיר: "איך מאך דיר יעצט א טיקעט, דו גרייט נאר אן דיין פאספארט, זעקס טויזענט דאלער און פארשטעלאכטס מ'זאל דיך נישט דערקענען" און אזוי האב איך געטון. איך האב נישט געוואוסט וואו מ'פארט, וויאזוי מ'פארט, איך האב מיך פשוט אריינגעזעצט אין קאר און אנגעהויבן פארן אין ריכטונג פון די עירפארט.

שבתי:

איך געדענק נישט פונקטליך אלע דעטאלן, אבער ווי נאר איך האב זיך דערוואוסט אז א שיירה לאזט זיך ארויס קיין אונגארן האב איך אפגעמאכט אז דארטן גיי איך, ווייל אויפן וואסער גיי איך נישט בלייבן, אויב בלייבט מען שטעקן אויף ראש השנה חס ושלום וויל איך נישט בלייבן אין מאלדאווע, אין אונגארן זעצט מען זיך אריין ביי רבי' ישעי'לע וואו עס איז כאטש דא א דאך איבערן קאפ...

יואל:

זונטאג - ווען רוב עולם איז געפארן קיין מאלדאווע - האב איך נאך גארנישט מיטגעהאלטן אז ס'איז דא א וועג צו פארן, ערשט זונטאג נאכט האב איך געהערט אז דער עולם איז געפארן קיין מאלדאווע, אבער מאנטאג אינדערפרי' האב איך געהערט אין בית המדרש שמועות אז איך האב נאכנישט פארפאסט די באן, נאך א גרופע פלאנט ארויסצופארן אין די נאנטע שעות קיין מאלדאווע מיט א סטאפ אין לאנדאן, האב איך זיך אנגעשלאסן מיט זיי און ארויסגעפארן צום לופטפעלד.

אברהם:

ווען איך האב געהערט די מעסעדזש פון דער ראש ישיבה בין איך געווען אין ארבעט, איך האב אנגעהויבן טראכטן מן הסתם יעדער פארט שוין און איך בלייב מיך דא... איך האב אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען אנקומען אויף אומאן בשלום ובשלוה. איך בין אהיים געלאפן איינפאקן מיין זעקל, איך האב געוואוסט אז געלט גייט זיכער זיין איינע פון די צוגעהערן אנצוקומען קיין אומאן, איך פאק מיך איין מזומן און איך לויף אין ישיבה. איך קום אין ישיבה און איך זע ווי יעדער דארטן איז די זעלבע צומישט ווי מיר, קיינער האט נישט געוואוסט וואס די קומענדיגע שטאפל איז, איינער האט געזאגט אווארט וועגן קאוויד טעסטס, און דער גאנצער עולם איז געלאפן זיך טעסטן... ביז איינער דארטן האט קלאר געשטעלט אז ווער ס'וויל זיין ביים רבי'ן ראש השנה כאפט זיין פאספארט, פינף-זעקס אלפים מיט פארשטעלאכטס, (דאס איז נאכדעם געווארן די דזשאוק 'פאספארט, $6,000 און פארשטעלאכטס...') און אזוי האב איך געטון.

ישעי':

ווען אלע גרופעס האבן זיך ארויסגעלאזט בין איך געבליבן שטעקן אין אמעריקע וויבאלד איך האב נאכנישט געהאט קיין פאספארט, ערשט דינסטאג אינדערפרי' ווען איך האב באקומען מיין פאספארט האב איך זיך ארויסגעלאזט צום עירפארט מיטן פלאן צו פארן קיין מאלדאווע.

וויפיל מענטשן זענען געווען מיט ענקער גרופע?

אייזיק:

מיר זענען געווען זעקס מענטש אלע צוזאמען, דער ראש ישיבה שליט"א, מו"ה שבתי מזרחי הי"ו, מו"ה מנחם שטיינבערג הי"ו, מו"ה אליעזר שמן הי"ו, מו"ה לייב ראטה הי"ו, און אני הקטן.

מרדכי:

זייער אסאך. ווען מ'איז ארויסגעפארן פון אמעריקע האט עס אויסגעקוקט ווי ממש אפאר אינגעלייט, למעשה ווען מ'איז אנגעקומען צו די סטאפ אין ענגלאנד האבן מיר זיך פלוצלינג געזען צווישן פופציג - זעכציג אינגעלייט. שפעטער אין מאלדאווע איז אנגעקומען נאך א גאנצע גרופע פון צוואנציג אינגעלייט, האלט מען ביי א סך הכל פון אכציג אינגעלייט.

בריוו פון דער ראש ישיבה


בס"ד ה' האזינו א' התשפ
לכבוד מיינע טייערע אנשי שלומינו
וואס זיינען געבליבן געשטראנדעט
אין אונזער קרעמסטיר.
איך האב איר ליינט אלע בריוו וואס
איך שרייב פאר אנשי שלומינו פון
מאלדאווא,
די אלע בריוו שרייב איך פאר
אלע אנשי שלומינו איך שרייב
נישט נאר פאר מאלדאווא, איך
מיין אויך אלע, סיי אומאן סיי
לאנדאן סיי ניו יארק אויך האבן
מיר אנשי שלומינו אין ווארשע
אויך אין קיעווס מינסק וכו'.
לעת אתה ווען מיר שטיין שוין
ערב יום טוב און אלעס איז
פארקלאפט די שפאנונג איז
שרעקליך קיין אין איין לאנד
מען נישט אריין קומען, דארפט
איר מאכן די ריכטיגע שריט
צו וויסן וואו צו זיין.
עס קען זיין איך וועל אויך צוריק
קומען, איך וויל זיין מיט אנשי
שלומינו אינאיינעם.
יואל ראטה

שבתי:

אין קערעסטיר איז געווען בערך פופצן - צוואנציג אינגעלייט.

ישעי':

בערך צוואנציג מענטשן.

יואל:

אונז זענען געווען דרייסיג מענטשן.

דו ביסט געווען פארשטעלט?

יואל:

אוודאי, מ'האט געמוזט זיך פארשטעלן. איך האב ארויסגענומען די פורים באקס און אנגעהויבן קלויבן פארשידענארטיגע מלבושים און זיך אנגעהויבן פארשטעלן ווי א נישט איד, אזא העמד מיט אזא הויזן, איך האב געקויפט א קעפ, ויקרא שמו...

אברהם:

יענעם מוצאי שבת איז מיין שווער געפארן קיין אומאן מיט א פריוואטע גרופע וואס האבן ארייגעטראגן מענטשן פאר גרויס געלט, און איך האב געהאט די זכי' אים צו טראגן אין עירפארט. אנקומענדיג צו זיין הויז אים אפצונעמען האב איך אים ממש נישט דערקענט, ער איז געווען פארשטעלט פון קאפ ביז פיס, האב איך געטראכט אז אפשר גיי איך דאס אויך דארפן דורכגיין און טון די זעלבע... גלייך נאכן אים אפליפערן אין לופטפעלד בין איך געגאנגען צו א דערנעבנדיגע געשעפט און זיך איינגעהאנדלט א קאלירטע העמד מיט א געפארבטע הויזן, צו זיין אויף די זיכערע זייט...

שבתי:

מיר האמיר זיך נישט געדארפט פארשטעלן ברוך השם, א דאגה אראפ פון קאפ...

מרדכי:

איך ארבעט טאג טעגליך מיט א שווארצע העמד בין איך געפארן מיט דעם און א גרויסע מאסק אויפן פנים, כדי חס ושלום נישט אנצושטעקן די טויזענטער ארומיגע...

אייזיק:

מיר זעמיר אלע געווען פארשטעלט, אבער געהעריג פארשטעלט, ל'דזשיט ווי מ'רופט עס, קיינער פון אונז האט מען נישט געקענט דערקענען, עד כדי כך אז דער פארשוין וואס האט אונז געדארפט ארייפירן אין אוקריינע האט אויסגעפלאצט אין א געלעכטער ווען ער האט געזען ווי אנדערש מיר קוקן אויס פון אונזערע פאספארטן...

וויאזוי איז געווען די וועג אהין?

אברהם:

מיר זענען ארויסגעפארן פון אמעריקע זונטאג נאכט קיין מאלדאווע מיט א סטאפ אין לאנדאן, מיטן פלאן צו אריבערגיין פון מאלדאווע וואס גרעניצט זיך מיט אוקריינע, און איינמאל מ'זעמיר אויף די אוקריינישע באדן, קען מען שוין צופארן קיין אומאן מיט א באס פאר געציילטע שעה.

למעשה אנקומענדיג קיין מאלדאווע האבן זיי געזען אז עפעס שמעקט נישט דא... א חבורה פון זעכציג אינגעלייט אלע אנגעטון ווי (פורים'דיגע) גוים און אלע פון זיי האבן אויף זייער פאספארט א בילד פון א היימישע חרד'ישע איד מיט די שמונה בגדים, ס'האט ניטאמאל געשטימט... איך געדענק נאך די שטילקייט וואס האט געהערשט ווען מען האט זיך געשטעלט אין די רייע מיט די פאספארטן אין די הענט, גרייט ארייינצוגיין אין מאלדאווע. אלע האבן שטילערהייט אינטער די מאסקעס געבעטן דעם אייבערשטן מען זאל אונז ארייינלאזן קיין מאלדאווע און פון דארט קענען ארייינגיין קיין אוקריינע. די ערשטע אדורכצוגיין איז געווען מו"ה אלימלך שארף הי"ו זיי האבן באטראכט זיין פאספארט א

אין מאלדאווע

לאנגע צייט, ביז זיי האבן אים געשטעלט אין א זייט, דערנאך האבן זיי גענומען דעם נעקסטן אינגערמאן, אבער עודך האבן זיי אים געשטעלט אין די זייט, ביז זיי האבן אויפגעהערט איבערצוקוקן, נאר זיי האבן אונז ארויפגעשיקט צו די אויבערשטע שטאק פון די לופטפעלד. און ווי ס'שטעלט זיך אויס האבן זיי אונז געהאלטן דארטן פאר א גוטע זעקס און דרייסיג שעה, וואס פון די זעקס און דרייסיג שעה קען מען ארויסגעבן א עקסטערן בוך וואס עס האט זיך דארט אלס אפגעשפילט.

שבתי:

מ'האמיר געהאט זייער א רואיגע וועג, אויף פען און פעיפער האט אויסגעקוקט ווי ביז געציילטע שעה זעמיר אין אומאן, אלעס איז געפארן לויטן פלאן. קודם זענען מיר געפארן קיין פראנקפורט - דייטשלאנד, ביז מ'זעמיר אנגעקומען קיין אונגארן און מ'האט געזען אז ס'איז נישטא ווי צו גיין ווייטער. בשעת מיר זענען געווען אין פראנקפורט, האבן זיי אונז נישט געלאזט גיין ווייטער ווייל זיי האבן נישט געקענט ליינען אונזערע וויזעס וואס מיר האבן געהאט, האט איינער דעמאלט געעפענט ספר אשר בנחל צו זען וואס מען זאל דא ווייטער טון, און פלאי פלאים, עס האט זיך אויפגעמישט צו א בריוו וואס מוהרא"ש שרייבט דארט: מען זאל זיך האלטן שטארק דער אייבערשטער וועט ענק נישט פארלאזן, אזוי ווי רבי שמעון בר יוחאי האט געזאגט יבא הנס מכל מקום. בייגעלייגט איז די בריוו.

אייזיק:

די גאנצע וועג אהין איז מען געווען זייער דערשראקן ווייל מ'האט נאכנישט געוואוסט וואס ס'קומט. מיר זענען למעשה געווען די ערשטע גרופע. ווען מיר זענען אנגעקומען קיין אדעסע און מ'איז שוין אריבער די גרעניץ, האט מען שוין אביסל אפגעאטעמט. אבער איינמאל מיר זענען געווען אין אומאן האט דער ראש ישיבה נישט געהערט קיין איין מינוט, נאר פרובירט מיט אלע וועגן די אידן וואס וואלגערן זיך ארום די גרעניצן פון אוקריינע זאלן האבן די מעגליכקייט אריינצוקומען.

יואל:

מיר זענען געווען די צווייטע גרופע וואס האט געזאלט אנקומען קיין מאלדאווע, למעשה ביי די סטאפ אין ענגלאנד, הארט פארן ארויפגיין אויף די קאנעקטינג פלייט האבן אונז באקומען א מעלדונג פון די ערשטע מאלדאווישע גרופע אז ס'איז נישטא וואו צו גיין, די גרעניץ איז הערמאטיש פארשלאסן און זיי ווילן זיך נישט בייגן פאר גארנישט, האט מען אפגעמאכט אז מ'גייט פארן אויף לאנדאן אוןווארטן דארט אויף ווייטערדיגע באריכטן, מ'איז ארויס פון עירפארט און געפארן צו די אידישע געגנט אין לאנדאן מיט די פיקידילי ליין (פאר ווער ס'כאפט נישט וויאזוי מ'זאגט די ווארט: פי קי די לי ליין - דאס מערסט אויפגעכאפטע טראנספארטאציע מיט איבער די בריטישע שטעט) און זיך באקוועם געמאכט אין די היימישע געגנט אין לאנדאן.

ישעי':

אונז האט מען אויפגעהאלטן אין JFK עירפארט נאך פארן אפילו ארויספארן, במילא האמיר אפילו נישט געהאט קיין וועג אהין.

די שאלה דארפסטו נישט ענטפערן... זאג מיר די אמת, האסט מורא געהאט?

שבתי:

אפשר נישט?!... ווען מ'האט געהערט אז ס'איז נישטא וואס צו טון, די אוקריינישע זענען פארקנאקט, איז מען ארומגעגאנגען מיט א מאפע און געוויזן פונקטליך אויף וועלכן פלאץ מען גייט אדורכגיין. מ'גייט מאכן א גרופע פון אפאר אינגלייט און אונז גיימיר אדורכגיין פאר גרויס געלט, אין אוקריינע ארבעט די שפראך פון געלט. ס'איז ממש גארנישט, געציילטע שעה און אונז זעמיר אין אומאן... מיר האט אנגעכאפט א פחד נאר פון עס הערן...

אייזיק:

די עיקר פחד איז געווען ביז די גרעניץ, ספעציעל ביים גרעניץ בין איך געווען די ערשטע אין די רייע און מ'האט מיך געשיקט ווארטן אין די זייט, עפעס האבן זיי פארדעכטיגט אויף מיר... און זיי האבן יעדעם דורכגעלאזט פאר מיר, יעדע מינוט איז מיר שווארץ געווארן, איך האב מיך שוין געזען ראש השנה איינגעשפארט... איך האב געריסן תפילות מען זאל מיר פריי לאזן. ברוך השם נאך אפאר מינוט האט מען מיך אויך געלאזט גיין, דעמאלטס איז שוין נישט געווען פון וואס מורא צו האבן.

יואל:

איך האב נישט מורא געהאט ווייל איך האב אפילו נישט געוואוסט פונקטליך וואס די


בנחל
ערב שפח
על נקי... ...ין בגשמיות והן ברוחניות. ותקף־ומיד כשרואים... פרודים ומריבות, עלינו לגרשו ולסלקו מאתנו, כי... ...כנס בפרי אחד, בלי שום ספק ירקיב גם את הפרות האחרים, אם לא יסלקו אותו.
ובאמת אם תהיו מקשרים יחד באהבה, אחוה ורעות, ותדברו תמיד רק מדבורי רבנו ז"ל ועצותיו הקדושות ודבורי אמונה, אזי ממילא יברחו הלצים, כי יראו שאין להם מקום ביניכם כלל.
והשם יתברך יעזור לכם שתזכו לציית ולקים כל הנאמר כאן, ואז תצליחו בדרככם תמיד.
הדורש שלומכם...
ד' שפח.
בעזרת השם יתברך, אור ליום חמישי לסדר וארא ה'תשמ"ב.
שלום רב ... נרו יאיר ויזרח לנצח נצחים.
מכתבך עם המעות להדפסה — לנכון קבלתי.
אבקשך מאד, נא ונא אל תכעס ואל תתעצבן כלל, כי גדול אדוננו ורב להושיע, ובודאי לא יעזב אותך השם יתברך. ובמה שהתחלת — תזכה לסים בכי טוב. וכבר ידועים לך דברי התנא רבי שמעון בר יוחאי (מעילה יז:): יבוא הנס מכל מקום (הינו אפלו על־ידי שד).
ועל־כן אל תדאג כלל, עליך למסר את עצמך לגמרי אליו יתברך, ותחקק היטב בדעתך, אשר מלא כל הארץ כבודו, ואם־כן מה לך לדאג?! הוא יתברך מנהיג את עולמו בהשגחה פרטית, ואיך שהוא יתברך ירצה — כן יהיה, וכל אויביך יפלו תחתיך.
הדורש שלומך...

עס האט זיך אויפגעמישט צו א בריוו וואס מוהרא"ש שרייבט דארט: מען זאל זיך האלטן שטארק דער אייבערשטער וועט ענק נישט פארלאזן

די דריי חשובע אינגלייט אין מאלדאווע ארבעטן שווער

פלענער איז, איך בין געפארן מיט די פולסטע רואיגקייט אזוי ווי א שעפעלע וואס גייט נאך זיין סטאדע.

מרדכי:

ניין, איך האב בכלל נישט מורא געהאט! איך האב געוואוסט ביי מיר 'וואס קען געשען?' מערסטנס גייט מען אונז צוריק שיקן...

אברהם:

ס'קומט זיך אסאך קרעדיט פאר מו"ה מרדכי היימליך הי"ו, ער האט אומאפיציעל אנגעפירט די גרופע, און ער איז די גאנצע צייט געווען אין קאנטאקט מיט דער ראש ישיבה, און די גאנצע צייט בארואיגט דעם עולם אז ס'איז באמת נישטא פון וואס מורא צו האבן, ער האט עס גוט געמאכט מיט אונז...

ווי לאנג זענען ענק למעשה דארט געווען?

אייזיק:

מיר זענען געווען אין אומאן פון מאנטאג נאכמיטאג ביז מיטוואך ביינאכט.

מרדכי:

אין מאלדאווע עירפארט איז מען געווען סטאק קרוב צו פערציג שעה...

יואל:

מיר האבן זיך געדרייט אויף די לאנדאנע געסער בערך איין טאג.

שבתי:

איך געדענק נישט פונקטליך, אביסל מער ווי איין טאג, מיר האבן געוויילט רוב צייט אין קערעסטיר, אויך זעמיר אביסל ארומגעגאנגען אויף קברי צדיקים מתפלל זיין די גרעניצן זאלן זיך שוין עפענען.

ישעי':

איך געדענק אויך נישט פונקטליך, אבער נישט אזוי לאנג ווי די אויבנדערמאנע חברה, ממש געציילטע שעה.

וואו.... אין אומאן איז מען געווען דריי טעג, אין מאלדאווע איז מען געווען כמעט צוויי טעג איינגעשפארט... וואו האבן ענק זיך אויפגעהאלטן די גאנצע צייט, וואו זענט עטס געווען, וויאזוי איז געווען די אטמאספער דארט?

אייזיק:

מיר זענען געווען אין אומאן מיט דער ראש ישיבה, אין אומאן איז געווען זייער שטיל, ס'זענען געווען זייער ווייניג מענטשן אין אומאן בכלל, איך בין אסאך געווען ביים ציון, אבער דער ראש ישיבה איז נאר געגאנגען איינמאל א טאג, די איבריגע צייט איז דער ראש ישיבה געזעצן אין אונזער בנין. דער ראש ישיבה האט נישט גערוהט קיין מינוט, די גאנצע צייט האט דער ראש ישיבה פרובירט צו שתדל'ן ביי אלע וואס זענען נאר עטוואס פארמישט מיט די פאליטישע פערזענליכקייטן זיי זאלן עפעס טון מיט די הונדערטע געשטראנדעטע ארום אוקריינע וואס בענקען צו זיין אין אומאן אויף ראש השנה. דער ראש ישיבה איז געזעצן מיט מנחם און שבתי און דורכגערעדט אלע מעגליכקייטן וואס ס'איז נאר פאראנען זיך אריבער צו שווערצן, מ'האט אנגערופן אלע וואס האבן נאר א בייפאל וויאזוי מען קען אריינגיין, אבער אן ערפאלג, די גרעניץ איז געווען אזוי פארקנאקט אז ס'איז פשוט נישט געווען צו וועם צו רעדן, ביז דער ראש ישיבה האט געמאכט די החלטה נאך אסאך התבודדות אז מ'פארט צוריק.

מרדכי:

מיר זענען געווען אין מאלדאווע לוטפעלד די גאנצע צייט, מ'האט אונז נישט ארויסגעלאזט פון עירפארט, רוב צייט זעמיר געווען אויפן צווייטן שטאק ווי ס'איז דא דארטן פול מיט קאוטשעס, טישן און

בענק צו זיצן, און די קינדער האבן זיך געשפילט מיט די עסקעלעיטערס...

איך בין רוב צייט געווען פארנומען מיט מו"ה מרדכי אהרן היילפרין הי"ו צו זען וואס מ'טוט ווייטער, איך בין זייער אסאך געווען אויפן טעלעפאן מיט דער ראש ישיבה, דער ראש ישיבה האט מיך די גאנצע צייט געהייסן טון פארשידענע זאכן, יעצט גיי בארואיג אים, יעצט גיי רעדט צום אויפזעער פון עירפארט, זאג אים אזוי, זאג אים אזוי, און אזוי ווייטער.

אברהם:

אונזער חבורה האט געהאט א שטארקע מעלה אז ס'איז געווען אסאך מענטשן צוזאמען. מ'האט זיך געקענט האלטן אינאיינעם, מ'האט זיך געהאלטן פארנומען. אינדערפרי איז געווען א דף שיעור פון מו"ה יעקב לעזער שליט"א, נאכמיטאג האט מען געשפילט געימס, מ'האט געשפילט קעטש, מ'האט געשפילט מלך, מ'רעדט נישט דא פון כתה א' קינדער, זיידעס מיט גרויע בערד זענען געווען פון די געוואונערס אין די געים... מ'האט געמאכט קומזיצן, מו"ה בערל שניטצלער הי"ו און מו"ה סענדר ראטה הי"ו האט געשפילט אויף די גרענד פיאנא וואס די לופטפעלד האט צוגעשטעלט, מ'האט געזינגען ניגונים פון ימים נוראים, ס'איז געווען גאנץ געשמאק גראדע... פארשטייט זיך יעדער איז געזעצן מיט זיין חומש, משניות, גמרא און געלערנט זיינע שיעורים כסדרן ווען מען האט נאר געקענט, וואס פון דעם אליין דארף מען מאכן א עקסטערע שמועס, וואס דאס מיינט היכל הקודש אינגלייט, אז אפילו מ'איז אינטערוועגנס און מ'ווייסט נישט וואס די נעקסטע מינוט גייט ברענגן, זיצט מען מיט א ספר אין די האנט און מען לערנט.

שבתי:

מיר האבן פארברענגט אין אונגארן, אנדערש ווי די אנדערע חבורות וואס זענען געבליבן שטעקן אין עירפארט און געווארט מ'זאל זיי ארויסלאזן. אוודאי זעמיר געווען עומד ומצפה מ'זאל שוין הערן גוטע בשורות אז אוקריינע עפנט אירע גרעניצן, אבער ס'איז נישט געווען די טרויער אז אונז זעמיר איינגעשפארט... אינצווישן האמיר אריינגעכאפט ארומצופארן ביי פילע קברי צדיקים, א שטייגער ווי רבי ישעי'לע קערעסטירער זכותו יגן עלינו, און אזוי ווייטער.

יואל:

ווי שוין דערמאנט פריער האמיר זיך ארויסגעלאזט צום אידישן געגנט אין לאנדאן, די פיקידילי ליין האט זיך אפגעשטעלט בערך צוואנציג מינוט פון אונזער דעסטינאציע, האמיר אנגעהויבן שפאצירן צווישן די חסיד'ישע אידן אין ענגלאנד מיט רענצלעך און באגאזשן פארשטעלט ווי גוים מיט בארד און פיאות,

בריוו פון דער ראש ישיבה


ב"ה

ג' האזינו א' התשפ"א פה אומאן

לכבוד מיין טייערע ליבער [illegible] לאנגער נ"י

איך האב באקומען א בילד וואו דו לערנסט פאר
דעם בלאט גמרא אין ערי-פארט אין מולדובא, דאס
האט מיר זייער פרייליך געמאכט, צו זען וואו איר
דערהאלט זיך איר פארלירט זיך נישט אפילו
איר זייט שוין עטליכע טעג אונטערוועגנס דאך
פארגעסט איר נישט פון תפילות.

לעת עתה איז נישטא קיין וועג מען זאל ענק
ארויס לאזן אבער ישועת ה' כהרף עין קען זיין
אין די קומענדיגע רגע וועט מען אייך ארויס
לאזן [illegible] דאך [illegible] ווייטער ניסים וואס
איך קען נישט שרייבן.

איך האב געזאגט פאר דיין ווייב זאל שיקן דיר
[illegible] אין [illegible] אומשטענדן.

יוא ראטה

מו"ה יעקב לעסער הי"ו לערנט פאר דעם דף

אלו יעמדו על הברכה אשר זכו ליטול חלק במצות כתיבת ספר תורה לזכר נשמת כ"ק מרן מוהרא"ש ז"ע

זכות פרשה - $1,200

- **בראשית** — מוה"ר מרדכי אהרן היילפרין הי"ו
- **נח** — מוה"ר אלי קנאלל הי"ו
- **לך לך** — מוה"ר אברהם מרדכי פיש הי"ו
- **וירא** — מוה"ר הענך אינדיג הי"ו
- **חיי שרה** — מוה"ר יואל מארקאוויטש הי"ו
- **תולדות** — מוה"ר מרדכי ראזענפעלד הי"ו
- **ויצא** — מוה"ר יעקב משה אינדארסקי הי"ו
- **וישלח** — מוה"ר אברהם דוד לאקס הי"ו
- **וישב** — מוה"ר שמשון צבי טייטלבוים הי"ו
- **מקץ** — מוה"ר זושא פריעדמאן הי"ו
- **ויגש** — מוה"ר מרדכי היימליך הי"ו
- **ויחי** — מוה"ר יושע אליעזר גליק הי"ו
- **שמות** — מוה"ר יעקב אליהו לעזער הי"ו
- **וארא** — מוה"ר משה יחיאל פעלדמאן הי"ו
- **בא** — מוה"ר אברהם טיקאלסקי הי"ו
- **משפטים** — מוה"ר לייבי אפפעל הי"ו
- **תרומה** — מוה"ר מרדכי הערצאג הי"ו
- **תצוה** — מוה"ר אליעזר שמן הי"ו
- **כי תשא** — מוה"ר אברהם יהושע וועבערמאן הי"ו
- **ויקהל** — מוה"ר יואל ראזענבערג הי"ו
- **פקודי** — מוה"ר שמעון עוזר מיטעלמאן הי"ו
- **ויקרא** — מוה"ר שלמה רוטה הי"ו
- **צו** — מוה"ר מנשה איצקאוויטש הי"ו
- **שמיני** — מוה"ר יחזקאל סאמעט הי"ו
- **תזריע** — מוה"ר זאב סראלאוויטש הי"ו
- **מצורע** — מוה"ר צבי כ"ץ הי"ו
- **אחרי** — מוה"ר יוסף פארדיגאל הי"ו
- **קדושים** — מוה"ר מנחם מענדיל שימשאוויטש הי"ו
- **אמור** — מוה"ר ישראל מנחם ראזענבערג הי"ו
- **בהר** — רחל לאה בת יעקב דוד / צבי הירש בן בנימן אייזיק
- **בחוקותי** — מוה"ר אשר בער אינדארסקי הי"ו
- **במדבר** — מוה"ר שמעון איינהארן הי"ו
- **נשא** — מוה"ר מרדכי אינדיג הי"ו
- **בהעלותך** — מוה"ר יעקב שאול פיש הי"ו
- **שלח** — מוה"ר עלי' מזרחי הי"ו
- **קרח** — מוה"ר שמעון פיש - חיים מאיר ערפס הי"ו
- **חקת** — מוה"ר יהודה אריה ראטה הי"ו
- **בלק** — מוה"ר לייבי ליבערמאן הי"ו
- **פנחס** — מוה"ר נחמן נתן קרויס הי"ו
- **מטות** — מוה"ר שמעון גאנצפריעד הי"ו
- **מסעי** — מוה"ר יוסף מעמעלשטיין הי"ו
- **דברים** — מוה"ר לוי יצחק זאפיר הי"ו
- **עקב** — מוה"ר ישראל יעקב ווייס הי"ו
- **ראה** — מוה"ר משפחת קרויס הי"ו
- **שופטים** — מוה"ר יצחק אהרן וויינבערג הי"ו
- **תצא** — מוה"ר הרוצה בעילום שמו הי"ו
- **תבוא** — מוה"ר יואל מנחם גרשון שניטצלער הי"ו
- **נצבים** — מוה"ר אברהם יצחק אייזנער הי"ו
- **וילך** — מוה"ר יואל טייטלבוים הי"ו
- **האזינו** — מוה"ר יצחק אייזיק ראטה הי"ו

כתר תורה לזכר נשמת
כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

$6,000

זכות פרשה מיוחדת - $1,800

בשלח
מוה"ר ראש ישיבה שליט"א הי"ו

יתרו
מוה"ר משה שטיינווארצעל הי"ו

ואתחנן
מוה"ר הרוצה בעילום שמו הי"ו

ברכה
מוה"ר אברהם אליהו פרידריך הי"ו

זכות עמוד - $500

מוה"ר נח צבי ווייס הי"ו	מוה"ר ליפא לעווי הי"ו	מוה"ר ישעי' אלכסנדר איידלים הי"ו
מוה"ר הילל ווייס הי"ו	מוה"ר שלמה שווארץ הי"ו	מוה"ר ישראל משה גאלדמאן הי"ו
מוה"ר אלעזר צבי שניטצלער הי"ו	מוה"ר אברהם שבתי מזרחי הי"ו	מוה"ר נחמן נתן בוים הי"ו
מוה"ר הרוצה בעילום שמו הי"ו	מוה"ר יחזקאל שרגא שארף הי"ו	מוה"ר יעקב יאקאבאוויטש הי"ו
מוה"ר וואלף שטערן הי"ו	מוה"ר מנחם שטיינבערג הי"ו	מוה"ר שמואל ווייס הי"ו
מוה"ר יוסף ברילל הי"ו	מוה"ר בנציון אשר יאקאבאוויטש הי"ו	מוה"ר אלי' ציג הי"ו
מוה"ר יואל וועבערמאן הי"ו	מוה"ר יוסף ווייס הי"ו	מוה"ר יצחק אייזיק ראטה הי"ו
מוה"ר יואל הכהן לאנדא הי"ו	מוה"ר נחמן ישראל יאקאבאוויטש הי"ו	מוה"ר חיים ישעי' דעפרים יקתוא-ל פעלדמאן הי"ו
מוה"ר יעקב שלום ראטטענבערג הי"ו	מוה"ר נחמן שמואל יאקאבאוויטש הי"ו	מוה"ר קלמן אליעזר אגמי הי"ו
מוה"ר ראובן בירנבוים הי"ו	מוה"ר נחמן ניישטיין הי"ו	מוה"ר משולם פייש פעלבערבוים הי"ו
מוה"ר יצחק יודא טירנויער הי"ו	מוה"ר שמואל דוב שניטצלער אברהם אלי' זעלקאוויטש הי"ו	מוה"ר שאול חיים איינהארן הי"ו
מוה"ר יודא לייב ווייס הי"ו	מוה"ר יוסף קורץ הי"ו	
מוה"ר יואל משה פליישמאן הי"ו	מוה"ר יואל משה מייזעלס הי"ו	
מוה"ר יצחק משה רייך הי"ו	מוה"ר אפרים פעלדמאן הי"ו	
מוה"ר יעקב משה אינדארסקי הי"ו	מוה"ר אליעזר שטרוים הי"ו	
מוה"ר הרוצה בעילום שמו הי"ו		

לכתוב ספר תורה מסוגל לפרנסה

$2,500 -

...אשית
...ה"ר ...וד ברוין ...י"ו

...מות
...ה"ר ... וועבערמאן ...י"ו

...קרא
...ה"ר ... פינטער ...י"ו

...דבר
...ה"ר ...ווארטץ ...י"ו

...רים
...ה"ר ...אבאוויטש ...י"ו

...ונר
...כתיבת האותיות" און די
...ה" וועט נאכפאלגען אי"ה

מ'דארף מאכן אן אינטערוויו מיט איינע פון די יעניגע אידן וואס האבן אונז אנגעקוקט מיט צוויי ברייט אפענע אויגן, וואס זיי האבן געטראכט...

דורכאויס די טאג זעמיר געווען אין וויזניצא בית מדרש, דארט האט מען געלערנט און געדאווענט, און ביינאכט איז מען איבערגעשלאפן אין א האטעל.

פון וואו האבן ענק געהאט עסן?

אברהם:

נאכן דארט זיין בערך פיר און צוואנציג שעה איז שוין יעדעמ'ס זעקל געווען לער, מ'האט שוין געהאלטן נאכן אויפעסן אלע פינאט באדער ראללס מיט האני קוקי'ס, מיר זענען געווען גוט הונגעריג. ביז איינע פון די אינגעלייט דארטן - איך געדענק נישט ווער - האבן אריין גערופן די 'רעד קראס' - אן אינטערנאציאנאלע רעטונגס ארגאניזאציע - און זיך באקלאגט פאר זיי אז מיר זענען דא הונדערט משפחות מיט קליינע קינדער, די קינדער הונגערן, מ'לאזט אונז נישט ארויס פון דא. איז אנשטאט זיי זאלן שתדל'ען ביי די מאלדאווישע באאמטע זיי זאלן אונז ארויסלאזן, זענען זיי אריבערגעקומען און אונז געברענגט באקסעס פון בעבי דזשארס, די צוקוועטשע גרינצייגן וואס מ'פיטערט די קינדער אין וויגעלע, במילא האמיר שוין געהאט וואס צו עסן...

מרדכי:

אנפאנג האט יעדער געגעסן זיינע עסן, ס'איז געווען א בחינה פון 'מי שטרח בערב שבת יאכל בשבת'... ווער ס'האט זיך מיטגעברענגט האט געהאט, און ווער נישט נישט, אבער נאך אפאר שעה דארט זיין איז אנגעקומען קיין מאלדאווע נאך א גרופע פון צוואנציג מענטשן, דאכט זיך מיר פון פאריז, און צווישן זיי איז געווען אונזער אלעמען באליבטן מו"ה שלמה יאקאבאוויטש הי"ו - מנהל בית התבשיל היכל הקודש ברסלב, און ווער ס'קען אים דארף איך נישט זאגן אז ווי ער איז זארגט ער פאר יעדעם. שלומי איז ארומגעגאנגען צוזאם נעמען עסן פון די וואס האבן נאך יא געהאט איבעריג און נאכדעם איז ער ארומגעגאנגען קוקן ווער ס'האט גארנישט און אים געגעבן. שפעטער האט ער שוין געמאכט א קשר מיט די חב"ד שליח אין מאלדאווע און ער האט אריבערגעברענגט א ווארעמע פרישטאג, מ'האט זיך דערקוויקט דאס הארץ.

שבתי:

אונז זענען אלע געווען אין קערעסטיר רוב צייט, עסן איז בכלל נישט געווען קיין דאגה, ביי רבי ישעי'לע איז דא גענוג צו עסן בשפע... די קערעסטירע אידן האבן אונז פרובירט צו מאכן ווי מער באקוועם דארטן כדי אונז זאלן וועלן דארט בלייבן אויף ראש השנה, זיי האבן אונז געדארפט האבן פאר מנין....

מו"ה שלמה יאקאבאוויטש הי"ו טיילט עסן

יואל:

אונז זענען געווען די צווייטע גרופע וואס האט געזאלט גיין קיין מאלדאווע, ווען אונז זענען אנגעקומען צום סטאפ אין לאנדאן האט מען אונז גערופן פון מאלדאווע אז דער עולם הונגערט דארטן אין גרויסן, אונז זאלן אריבערגיין קויפן עסן פאר אחינו בני ישראל אין מאלדאווע. זעמיר אלע אריין אין איינע פון די לאנדאנע גראסעריי׳ען און זיך איינגעקויפט בשר ודגים וכל מטעמים, באקסעס מיט פוד. למעשה ווען די עסקנים האבן געמאלדן אז מ׳גייט נישט קיין מאלדאווע האט מען אויסגעשפרייט די טישטיכער אין היטרו עירפארט און מ׳האט אנגעהויבן עסן ווי ס׳דארף צו זיין, אז זיי קענען עס נישט באקומען זאלן מיר כאטש נהנה זיין דערפון...

אייזיק:

אונז האבן געהאט גאנצע קאך אין אומאן אנגעלאדענט מיט עסן, אבער די עסקנים אין קאך האבן אונז נישט געלאזט עסן דערפון, יעדע רגע קען זיין מ׳גייט ארויסלאזן די חברה אין מאלדאווע און זיי גייען דא אנקומען אויסגעהונגערט, מ׳דארף זיי איבערלאזן עפעס צו עסן... למעשה שפעטער פארנאכטס זענען אונז אלע געווען ביי מו״ה ישראל פוקס הי״ו אין שטוב וואס האט נאך דעמאלט געוואוינט אין אומאן, און ער האט אונז סערווירט א סעודת שלמה בשעתו, ביז יעצט ליגט מיר נאך אין די ביינער ווי אונז האמיר זיך דערקוויקט מיט זיין גרינצייג זופ, די געבאקענע פיש מיט רייז... ס׳איז געווען מחי׳ נפשות.

דערציילט עפעס א קרישקעלע וואס דו געדענקסט פון די נסיעה?

יואל:

ווען אונז זענען אנגעקומען אין בית המדרש אין לאנדאן ווי פארוואגלטע נשמות איז א איד פון בית המדרש צוגעקומען צו אונז און אונז געפרעגט ווער אונז זענען, האבן אונז אים מסביר געווען אז מיר זענען א חבורה פון היכל הקודש וואס ווילן זיין ביים רבי׳ן אויף ראש השנה, און אזוי ווייטער. הערנדיג אז אונז זענען תלמידים פון דער ראש ישיבה געבט ער א לויף צו צום משמש פון בית המדרש און זאגט אים: "נעם די אלע חברה, די גאנצע חבורה, און לאז זיי אלע כאפן א גוטע מקוה און געב זיי עפעס א ברכה צו מאכן, אלעס אויף מיין חשבון, איך באצאל דיר, איך הער אויס די שיעורים פון דער ראש ישיבה יעדן טאג, דאס האלט מיך ביים לעבן, ענדליך קען איך אביסל מכיר טובה זיין זיינע תלמידים, געב זיי וואס זיי דארפן און איך וועל דיר באצאלן!" פאר מיר איז דאס געווען זייער א שטארקע זאך, דעמאלטס האב איך געזען ווי ווייט דער ראש ישיבה׳ס דיבורים גייט, עד כדי כך אז אין די ווייטע ענגלאנד איז אויך דא געוואוג און נאך אידן וואס זענען זיך מחי׳ מיט די לימודים וואס דער ראש ישיבה לערנט אונז.

מרדכי:

מיר זענען אנגעקומען דינסטאג נאכט קיין מאלדאווע, ווען מ׳האט געהאלטן ביי מיטוואך פארנאכטס איז שוין געווען כמעט

זכור ברית אין לאנדאן האטעל

בריוו פון דער ראש ישיבה



מכתב יומי ד׳ האזינו א׳ תשפ״א פה אומאן

לכבוד מיינע טייערע תלמידים און מיינע קינדער וואס זיינען שטעקן געבליבן ביי די גרעניצן ארום אוקריינא.

איך קום יעצט פון ציון איך האב אסאך געבעטן עס זאל געשען א נס. די גרענעצן זאל זיך עפענען.

פארגעסט נישט וואס די נייעס האט געזאגט אין מדרש ווען די אידן האבן געוואלט ארויסגיין, אלע נייעס אלע זקנים האבן געזאגט פה אחד "ניסעא קיין וועג ארויס", אויך ווען די אידן זיינען געווען אין מדבר האבן אלע לענדער מואב און מדין אלע האבן געזאגט מען נעמט נישט אריין די אידן אפילו מען האט זיך געבעטן ביי זיי מיר ווילן נאר אריבערגיין וכו׳.

אבער דער דור - משה רבינו האט געזאגט מיט תפלה ונצעק אל ה׳ וועט מען אריין גיין קיין ארץ ישראל.

קיינער פון אייך זאל נישט צוריק פארן קיין אמעריקא, ווארטס ה׳ ילחם לכם ואתם ת...

אייער ראש ישיבה
וואס ווארט אייך אפ
אין אומאן דכליון עיני׳
יואל בן רייזא רעכל

מנחה אין מאלדאווע עירפארט

פיר און צוואנציג שעה פון בענקען און האפן צו הערן א גוטע בשורה פון די באאמטע אין לופטפעלד אז מ'קען ארויסגיין פון עירפארט, דער ראש ישיבה האט דעמאלטס געשריבן א בריוו אז מ'זאל דאווענען מנחה מיט די נוסח פון ראש השנה, המלמד מו"ה נחמן נתן קרויס הי"ו איז צוגעגאנגען צום עמוד און אריינגעפלאכטן אין די דאווענען זייער אסאך שטיקלעך פון די ראש השנה'דיגע דאווענען, די יתגדל פון ראש השנה, די הויך שמונה עשרה פון ראש השנה, ווען ס'איז געקומען צו נקדישך ביי מנחה האט מען געזינגען די ניגון פון חב"ד וואס מ'זינגט ביי נקדישך, וואס זאל איך אייך זאגן... דער עולם האט זייער געוויינט דארט, ס'איז געווען אזוי עמאציאנאל אז אפילו די פרעמדע מענטשן וואס זענען דארט געווען האבן אויך מיטגעוויינט, ס'איז נישט געווען קיין טריקן אויג אינעם גאנצן פלאץ, מ'האט שוין אזוי געוואלט זען דעם ווער ארויס פון דעם פלאץ, און זיין ביים רבי'ן...

אברהם:

צוזאמען מיט אונז איז אויך געווען אידן וואס באלאנגען נישט צו אונזער חבורה, מען האט מען קלאר געקענט זען די חילוק פון א תלמיד היכל הקודש און די איבריגע געציילטע אידן דארטן, אפאר אידן פון אנדערע קרייזן זענען דארטן געווען צו פארן אויף אומאן, זיי זענען געווען צומישט, זיי זענען געלאפן אהין און אהער אומוואוסנדיג וואס זיי האבן צו טון. אנשי שלומינו זענען געווען מיושב, די קאפ אויפן פלאץ, יעדער האט געהאט זיין זעקל ספרים און זיך מחי' געווען מיט די אוצרות וואס מ'פארמאגט, ס'קען זיין מ'איז געווען אנגעצויגן, מ'האט נישט געוואוסט וואס מ'גייט טון נעקסט, אבער מ'האט געהאט אויף וואס זיך אנצוכאפן, ס'איז נישט געווען פלעין ארומגיין אינגאנצן צומישט... ס'איז יא דא עסן, ס'איז נישט דא עסן, מ'האט געהאט מיט וואס זיך צו מחי' זיין...

אויך האט דער ראש ישיבה געהאלטן אין איין שרייבן בריוון אז ס'איז נישט דא פון וואס מורא צו האבן, מ'קען נאר מאכן נאך און נאך תפלה, דאס האט בעיקר מיישב געווען די מענטשהייט.

זייער שיין, זייער שיין. איז אין די ענדע פון די נסיעה, וויאזוי האט זיך געהערט די טויש פון איין מינוט אויפן צווייטן אז מ'דרייט זיך ארום און מ'פארט אויף ראש השנה קיין קרית ברסלב ליבערטי?

אייזיק:

נאך וואס דער ראש ישיבה האט געארבעט מיט איבערמידליכע כוחות אָן אַן אויפהער אריינצוברענגען אנשי שלומינו קיין אומאן, אבער ס'איז פשוט געווען אוממעגליך, האט דער ראש ישיבה געשריבן א בריוו צו אלע אנשי שלומינו וואס וואלגערן זיך אין די לענדער ארום אוקריינע אז לויט ווי ס'קוקט אויס קען מען אויף קיין שום פאל אריינקומען אין אוקריינע, די גרעניץ איז הערמאטיש פארשלאסן מיט אייזערנע שלעסער, דעריבער זאלן אלע תלמידים זיך ארומדרייען און צוריק פארן קיין אמעריקע. דעמאלטס האט דער ראש ישיבה אונז געזאגט - די פאר אינגעלייט וואס ס'איז זיי יא געלונגען צו אריינקומען קיין אומאן - אז ער טראכט אפשר א מחשבה אז דער ראש ישיבה אליין זאל ארויספארן פון אומאן און קומען קיין אמעריקע אויף ראש השנה צו אלע תלמידים, אבער דער ראש ישיבה האט געזאגט אז פאר אזא החלטה פארלאנגט זיך אסאך אסאך התבודדות.

דער ראש ישיבה איז אריין אין זיין שטוב,

און א שטיק צייט שפעטער זע איך ווי דער ראש ישיבה קומט ארויס און רעדט מיט מנחם, נאכדעם זאגט מיר מנחם אז דער ראש ישיבה האט אפגעמאכט אז ער פארט צוריק! דאס איז געווען ממש א באמבע צו הערן. איך האב נישט געוואוסט וואס איך האב צו טון, איך האב געדארפט מאכן א שנעלע החלטה וואס איך טו. למעשה נאך מיין התבודדות איז ארויסגעקומען אז איך פאר צוריק קיין אמעריקע, איך פאק מיך איין מיינע רענצלעך און ויסעו, דער ראש ישיבה פרעגט מיך אונטן אינעם בנין: "אייזיק, דו קומסט אויך צוריק?" האב איך געזאגט פאר דער ראש ישיבה אז אויב דער ראש ישיבה הייסט מיך דא בלייבן בלייב איך דא, האט מיר דער ראש ישיבה געזאגט: "דער ראש ישיבה הייסט נישט גארנישט!..." האב איך שוין געוואוסט וואס איך האב צו טון, און ברוך השם איך האב בכלל נישט חרטה געהאט...

יואל:

מו"ה מנחם מענדל שימשאוויטש הי"ו האט געפירט די גרופע ביי אונז, און ער האט געמאלדן פארן עולם אז מ'דרייט זיך ארום און מ'פארט צוריק, פאר אונז איז עס געווען זייער שווער צו הערן, מ'איז שוין אינטערוועגנס פאר צענדליגע שעה און מ'האלט שוין ממש אפאר מייל אפגעריקט פונעם רבינ'ס ציון און יעצט קומט אן די בשורה אז מ'פארט צוריק... איך געדענק ביז יעצט ווי דער מנהל מו"ה אברהם משה שטראססער שליט"א האט געהערט אז מ'פארט נישט אויף אומאן האט ער זיך געוויינט זייער וויינען, ביז מ'האט געהערט די גוטע בשורה אז דער ראש ישיבה וויל אויך ווילן מיט אונז אויף ראש השנה אין קרית ברסלב, דאס האט אונז זייער געשטארקט.

אברהם:

ס'איז א שווערע שאלה... ס'איז זייער שווער צו פארשטיין ווייל יעדער ליינט יעצט די אינטערוויו מיט די פיס ארויף, זאטערהייט מיט געשמאקע

עירקאנדישאן... מ'כאפט נישט אז דער עולם דארטן האט גארנישט געהאט, א הונגעריגע מענטש קען נישט עכט שפירן וואס א זאטע מענטש שפירט.

אבער דער אמת איז אז איך האב געגומען די בשורה זייער גרינג, ווייל איך האב געוואוסט אז קיין אומאן קומט מען שוין סייווי נישט אן, ס'איז געווען זייער קלאר אז די איינציגסטע אפציע וואס אונז האמיר איז צוריק פארן. און נאכדעם ווען מ'האט געהערט אז דער ראש ישיבה פארט אויך צוריק זענען מיר שוין געווארן זייער פרייליך, און איך האב ארויסגעקוקט אויף די נייע מושג "ראש השנה אין שטעטל"...

ישעי':

איך קען נישט עכט ארייגרעדן ביי רוב פון די שאלות ווייל איך בין קוים געווען אפאר שעה אין עירפארט, איך בין נישט געווען איינגעשפארט פאר ארוכות שעות אין עירפארט אדער ווייס איך וואו... אבער ס'איז נאכאלץ געווען א שטיקל שאק אז מ'דרייט זיך ארום, איך האב דעמאלטס געהאט געטעקסט דער ראש ישיבה אז אונז זענען דא סטאק אין JFK עירפארט פאר די גייט, דער ראש ישיבה זאל מתפלל זיין פאר אונז, אויפן מינוט באקום איך צוריק א טעקסט מעסעדזש פון דער ראש ישיבה אז איך זאל נישט קומען, און אז דער ראש ישיבה דרייט זיך אויך אויס צוריק צו קומען קיין אמעריקע אויף ראש השנה, און אזוי האט מען געטון, מ'האט זיך ארומגעדרייט און זיך ארויסגעלאזט צו די בערג אין שטעטל אויף ראש השנה.

מרדכי:

איך בין דאך געווען אין פארבינדונג מיט דער ראש ישיבה א גרויס חלק פון די נסיעה, גלייך פאר די בשורה איז נתגלה געווארן האט מיך דער ראש ישיבה גערופן און געפרעגט אויב מו"ה מרדכי אינדיג שליט"א - מנהל תלמוד תורה היכל הקודש - איז צווישן אונזער גרופע אין מאלדאווע, דער ראש ישיבה האט געוואלט עפעס זייער

וויכטיג דורכרעדן מיט'ן מנהל, נאכן אראפלייגן מיט'ן מנהל רופט מיך דער ראש ישיבה צוריק אז איך זאל איבערגעבן פאר די גאנצע עולם אז דער ראש ישיבה פארט צוריק... ווען איך האב דאס געהערט בין איך געווארן זייער עמאציאנאל, איך האב געזאגט פאר דער ראש ישיבה אז אפשר זאל דער ראש ישיבה יא דארט בלייבן און

בריוו פון דער ראש ישיבה


בס"ד מכתב למאלדאווא

לכבוד חזקי און חנוך און שלמי נ"י ואיר וויצבח.

ק.ט.א. זייט בארבינדן מיט לעצער און לייקי צו צאלן אנפארווייטן די עסן פאר יום טוב,

מיטן אייבערשטנס הילף וועלן אלע צוזאמען אין אומאן.

טאנצט און זינגט און פארשטייט דער רבי זאגט חלק א סימן על ידי פאסטן און טאנצן איז מען מבטל די דינים.

נישט טון קיין ווילדע זאכן.

יואל ראטה

מתפלל זיין פאר אונז ראש השנה, אבער דער ראש ישיבה האט אפגעזאגט מיין פארשלאג, דער ראש ישיבה האט געזאגט: "ניין, אויב אלע מיינע תלמידים זענען דארט גיי איך אויך דארט זיין!" דאס איז מיר אריין אין די ביינער, עס איז געווען גאר א גרויס חיזוק פאר אונז.

שבתי:

מיר איז עס בכלל נישט געווען שווער צו פארדייען, פארקערט, איך האב מיך געפריידט, ווייל מ'האט קלאר געזען אז קיין וועג אריין אין אוקריינע איז נישטא, זאל מען כאטש פראווענען א ראש השנה מיט אנשי שלומינו באקוועמערהייט...

זייער שיין... איז לאמיר הערן וויאזוי האט אויסגעקוקט די ערשטע (און האפנטליך די לעצטע) ראש השנה אין קרית ברסלב:

מרדכי:

מיר האבן געלאנדעט אין אמעריקע ערב ראש השנה צוועלף אזייגער נאכמיטאג, און וויבאלד ס'איז נישט געווען קיין צייט פאר די שטאטישע איינוואוינער אהיימצופארן צו ברענגען די קאר און משפחה אין שטעטל אויף ראש השנה, זענען געקומען אפאר געטרייע עסקנים, און זיי האב ערלעדיגט אז די ווייבער אין קינדער פון שטאט האבן א וועג צום שטעטל, און פאר אונז האבן זיי צוגעשטעלט א באס זאל אונז אפווארטן ביים ארויסגאנג פון עירפארט מ'זאל קענען אנקומען אין שטעטל ווי אמשנעלסטנס.

אנקומענדיג אין שטעטל ערב ראש השנה בערך דריי אזייגער נאכמיטאג האט די באס געסטאפט ביים גרויסן בית המדרש אויף האשקי, דער ראש ישיבה איז שוין דא געווען און אונז אפגעווארט, און ס'האט אנגעהויבן ארויסצושטראמען קרוב צו הונדערט נפשות אנגעקליידעט ווי קאליר בלינדע איינקויפער וואס זעען נישט קיין חילוק פון א ווייסע און רויטע העמד און צווישן שווארצע און גרינע הויזן... דער ראש ישיבה האט אנגעצינדן הויכע לעבעדיגע מוזיק און ארויסגעקומען טאנצן מיט אונז, ס'איז געווען א מורא'דיגע מחזה. אפאר געטרייע עסקנים האבן זיך גלייך גענומען ארבעטן אז עס זאל זיין גענוג עסן אין שטעטל פאר אלע געסט, אויך האט מען זיך גענומען אויסשטעלן דעם בית המדרש מיט אלע צוגעהערן וואס פעלט אויס פאר אזא גרויסע עולם וואס קומט צו גיין. מו"ה שלמה יאקאבאוויטש הי"ו האט זיך פון פריש גענומען ארבעטן אויפן טעלעפאון צו מאכן זיכער אז ס'איז דא גענוג עסן פאר יום טוב. ער האט אנגעקלונגען איינס פון די בעקערייען אין אפסטעיט פרעגן אויב ער האט חלות מיט געבעקסן פאר אפאר הונדערט אידן, רופט זיך אן דער בעל הבית פונעם בעקעריי: אינטערעסאנט דו קלינגסט מיר אן יעצט, איך שטייט דא אזוי און איך טראכט אויב איך זאל יעצט באקן נאך חלות און געבעקסן, אויב עס גייט נאך זיין ווער עס זאל קויפן. למעשה האב איך אפגעמאכט אז איך גייט צושטעלן נאך. און פלאי פלאים דו רופסט מיר יעצט אריין אז דו דארפסט חלות און געבעקסן פאר אפאר הונדערט מענטשן, איך געב דיר די גאנצע בחנם...

שבתי:

ראש השנה איז געווען הערליך שיין אין שטעטל, ס'איז געווען זייער דיפרענט. אבער איין זאך האט זיך דאס מערסטע ארויסגעזען, די חסד וואס טוט זיך אפ דא אין שטעטל, יעדע משפחה אין שטעטל וואס האט אינדערהיים קוים פלאץ צו אקאמאדירן די שטוב געווירבל האט געעפענט זייערע טירן און אריינגענומען געסט מיט א ברייטע האנט. איך געדענק איך בין איינגעשטאנען ביי מו"ה נחמן שמואל יאקאבאוויטש הי"ו, האלב וויליאמסבורג איז איינגעשטאנען דארטן... די הכנסת אורחים אין שטעטל איז געווען אויף א נעקסט לעוועל, נישט זיינס גלייכן. איך געדענק נאך די תשליך אין שטעטל מען האט זיך ארפגעלאזט צום וואסער ביים

אין אומאן אינעם בנין

ווינקל פון האשקי אויף איסט מאנגאוף, דאס האט דערמאנט פון אומאן ווען מען גייט די גאנצע עולם זאגן תשליך.

יואל:

איך האב אויך אריינגענומען זייער אסאך געסט יענעם ראש השנה, ביים סעודה האט מען געבענטשט מיט א 'ברוך אלוקינו'... די ראש השנה איז געווען הערליך שיין, מ'האט געפילט ממש ווי מ'איז אין אומאן, דעם רבינ'ס ציון איז נישט געווען, אבער די דאווענען איז געווען די זעלבע, און די אויסגעמוטשעטקייט איז אויך געווען די זעלבע, ווייל מ'האט פונקט אזוי געהאלטן נאך א נסיעה...

ישעי':

די ראש השנה אין שטעטל איז געווען א מעמד וואס ס'וועט אלץ בלייבן אין זכרון. איך בין איינגעשטאנען ביי מו"ה אברהם הערש וועבערמאן הי"ו, דער ראש ישיבה האט אים געהאט געפרעגט סוף זומער אויב ער קען אוועקלייגן פאר מיר פלאץ צו איינשטיין פאר ראש השנה, ווייל דערמאלט האט אויסגעזען אז אפשר גייט מען נישט קענען פארן קיין אומאן, דער ראש ישיבה האט שוין דעמאלט געטראכט פונעם צווייטן אפציע צו זיין ראש השנה אין שטעטל. וואס איך געדענק איז אז דער ראש ישיבה האט געהאלטן אין איין רעדן אז ס'איז פונקט ווי אונז זעמיר אין אומאן, אלע יארן ווען מ'האט נישט געקענט פארן און ס'זענען זיך צאמגעקומען א מנין ברסלב'ער חסידים, איז דער רבי' דארט געווען. ס'איז געווען עפעס הערליך שיין.

צום שלום, וויאזוי גרייטסטו זיך אויף קומענדיגע ראש השנה תשפ"ד הבעל"ט?

אלע:

מיט אסאך אסאך תפלה, אזוי ווי דער ראש ישיבה דערמאנט אונז א גאנץ יאר אז קיין אומאן קומט מען נישט מיט געלט, קיין אומאן קומט מען נאר מיט תפלה!

א גרויסן שכח פאר אלע פון ענק פארן אראפנעמען פון ענקערע טייערע צייט און מיטטיילן מיט די חשוב'ע קרית ברסלב בלעטל לייענער אביסל פון די היסטארישע מאמענטן וואס האט זיך אפגעשפליגט ראש השנה תשפ"א, דאס וועט אוודאי ארויסברענגען פאר אלע אידן די מסירת נפש וואס ברסלב'ע חסידים האבן געהאט אלע יארן צו פארן צום רבי'ן אויף ראש השנה, און געבן א שטופ פאר אלע אידן מארבע כנפות הארץ איבערצוהיפן די פארשידנארטיגע מניעות וואס דער בעל דבר שטעלט אינטער צו צושטערן דעם רבינ'ס ראש השנה, און אויך קענען זוכה זיין צו אלע תיקונים וואס דער רבי' האט אונז צוגעזאגט.

בריוו פון דער ראש ישיבה


ב"ה מכתב יומי ה' האזינו ה'תשפ"א

לכבוד אלע טייערע ברידער ~~...~~ אנשי שלומינו תלמידי
היכל הקודש. קרית ברסלב ליבערטי ניו יארק

איך ~~האב זיך געפרייט~~ קען ווייטער אויפן וועג צוריק פון
אומאן קיין ניו יארק איך קען געווען קיים גוון אין
געבעטן פאר אלע תלמידים און תלמידות פאר אלע
אידן צו האבן א גוט געבענטש יאר.

איך וועל זיין מיטן אייבערשטנס הילף דעם ראש
השנה הבעל"ט אין קרית ברסלב ליבערטי. איך
וועל אייך בעטן איר זאלט עפענען [illegible]
הייליגע ארון צו נעמען די אלע משפחות וואס
וועלן זיין ראש השנה אין שטעטל בייצאמען קיים
רבינ'ס קיבוץ.

זייט נישט דערשראקן אז מיר זיינען נישט
אנגעקומען אין אומאן, וועל מיר וועלן זיין
איינאיינציק מיר וועלן דאווענען איינאיינציק וועט
דער רבי זיין מיט אונז דער רבי וועט
אראפ קומען פון היכל קן ציפור זיין מיט
אונזער קיבוץ.

אונז זיינען אריבער די וואך איבער מסירת
נפש נאך מער וואס אין די קאמוניסטישע צייטן.
מיר האבן אלעס געטון צו זיין אין אומאן, זיינען
איז עס אזוי ווי מיר זיינען אין אומאן

יואל רעטה

מען קומט אן אין שטעטל ערב ראש השנה נאכמיטאג

אויפן באס צום שטעטל

דער ראש ישיבה שרייבט בריוון אין אומאן

מנהל בית התבשיל ביים טיילן עסן

בערל שפילט אין מאלדאווע עירפארט

תשליך אין שטעטל בילד דורך א גוי


שחרית אין מאלדאווע עירפארט

סליחות זכור ברית ערב ראש השנה
ביי חצות מיט א קארגע מנין אין שטעטל

דער ראש ישיבה
אין אומאן ביים ציון

Scented sensation
"When perfume can reflect your character"
large variety of potpourri n more
Tami Pinter
144 Denman Rd. Liberty NY 12754 (back entrance) | 347-415-2888

מיין ערשטע

ראש השנה ביים רבין

ישראל דוד העסקעל

דו דארפסט רופן מו"ה יחזקאל סאמעט הי"ו פאר א בעט אין דער ראש ישיבה'ס בנין אין אומאן אבער איך זאג דיר שוין אז שוין פאר אפאר חדשים איז די בנין סאָלד אוט, שוין נישטא קיין בעטן. קענסט פרובירן דיין מזל אבער צווישן מיר און דיר קענסט פארגעסן... אונז שטייט מיר שוין דריי וואכן פאר ראש השנה נישט דא קיין מציאות בכלל אז ס'זאל נאך זיין ליידיגע בעטן אינעם בנין אבער ווער ווייסט דו טו דיינס פרוביר...

יענע נאכט זיץ איך אויפן קאוטש ביי מיר אין שטוב און מיט ציטערדיגע הענט דייעל איך אריין די נומער פון מו"ה יחזקאל סאמעט הי"ו און ס'קלינגט איך הער נישט אויף בעטן דעם אייבערשטן אז ער זאל אויפהייבן און האבן פאר מיר א בעט.

העללא?!

יא שלום עליכם איך הייס ישראל דוד העסקעל איך בין א פרישע מקורב און איך וויל זייער שטארק קומען צום רבין אויף ראש השנה איך וואלט געוואלט פרעגן אפשר איז נאך דא א בעט אינעם בנין?

א בעט? יעצט? נאאא באמת אנטשולדיגט אבער מיר זענען שוין לאנג אויספארקויפט!

אפשר דאך - פרוביר איך מיין מזל... איך בין א פרישע מקורב איך בין מקורב געווארן קוים דריי וואכן צוריק איך בין אזוי פאר'חלש'ט צו קענען זיין ראש השנה ביים רבין וואס בין איך שולדיג אז איך בין נישט מקורב געווארן מיט א פאר חדשים פריער?

איך פארשטיי דיר און איך האב שטארק מיטלייד מיט דיר אבער דער בנין איז פול! וואס זאל איך טוהן? מ'קען נישט

היכל הקודש בנין אין אומאן

צוזאמען שטופן מענטשן ווי סארדינען אז ס'פול איז עס פול! איים סארי.

מיין קאפ הייבט זיך אן דרייען יא ניין? וואס טוט מען דא? שנעל כאפ איך זיך די לימודים פון דער ראש ישיבה אז מיט תפילה קען מען אלעס פועל'ן און מ'טאר קיינמאל נישט אויפגעבן!

איך לויף ארויס אינדרויסן, נעבן מיין הויז איז דא א גרויסע פארק ס'שפעט ביינאכט איך גיי כאפן א שפאציר מיטן באשעפער, איך הייב זיך אן אויסצושמועסן מיין הארץ רבש"ע איך וויס גארנישט און איך קען גארנישט דו טאטע האסט אזוי רחמנות געהאט אויף מיר און געהאלפן אז איך זאל זוכה זיין צו קענען מקורב ווערן צו דער ראש ישיבה יעצט האלט מען פאר ראש השנה און דער רבי' האט געזאגט אז קיין גרעסערס פון דעם איז נישט פארהאן טאטע האב אויף מיר רחמנות העלף מיך דורך ברעכן אלע מניעות העלף מיך אז זאל זוכה זיין צו קענען זיין ביים רבינ'ס קיבוץ אויף ראש השנה.

אזוי האב איך ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן איך וויס נישט פון קיין פלענער איך האב נישט קיין געלט איך האב נישט וואו צו שלאפן אדער וואו צו עסן איך וויל זייער שטארק קענען זיין אין דער ראש ישיבה'ס בנין אייבערשטער איך בעט דיר הייב מיך אויף און טראג מיך אהין! ס'אינטערסירט מיך נישט ווי אזוי, דער עיקר איז אז איך זאל חלילה נישט פארפאסן צו זיין ראש השנה ביים רבי'ן.

אזוי פאר א וואך צייט האב איך נאכט נאך נאכט גאר שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל זוכה זיין צו קענען קומען. די קומענדיגע וואך ביי די חבורת עצתו אמונה דא אין לאנדאן האט מו"ה שמחה בלאק הי"ו גערופן מו"ה יחזקאל סאמעט הי"ו און אים נאכאמאל געבעטן אפשר דאך איז דא א וועג אז מיר זאלן קענען האבן א בעט אינעם בנין נאכן זיך איינבעטן עטליכע מאל האט ער געזאגט אז ער גייט זען וואס ער קען טוהן...

יעצט זענען די תפילות ארויף א טעמפא, ס'שוין דא עפעס א שפאלט פון האפענונג ס'שוין נישט קיין גלאטע ניין... און טאקע נאך אפאר טעג האט דער אייבערשטער געהאלפן און איך באקום א פאון קאלל אז ס'דא פאר מיר א בעט אינעם בנין! שכח אייבערשטער שכח אייבערשטער!

שוין האבן מיר זיך געזעצט באשטעלן טיקעטס פאר די נסיעה מיר ווילן פארן מיט דער ראש ישיבה פארשטייט זיך אונז האבן באשטעלט טיקעטס ארויסצופארן פון לאנדאן קיין ריישא און אנקומען די זעלבע צייט מיט אנשי שלומינו פון אמעריקע.

די שיעורים נאכדעם פון דער ראש ישיבה הכנה צו אומן האט שוין געהאט אינגאנצן אן אנדערע באדייט... ס'מיינט שוין מיך! שכח אייבערשטער! דער ראש ישיבה האט עטליכע מאל גע'חזר'ט אז מ'זאל נישט פאקן מיט קיין קטנות הדעת מ'זאל קומען צום רבי'ן מיט אלע

דף גמרא שיעור אין אומן

זאכן און בעטן דעם אייבערשטן אז אלעס זאל אנקומען גאנץ.

איך האב עס גענומען צום נעקסטן שטאפל אויב דער ראש ישיבה זאגט אז מ'זאל זיך נישט צוזאמען פאקן מיט קטנות הדעת, איך פאק אלעס. איך האב מיך געפאקט א בעקיטשע א טיש בעקיטשע קראקס מיט סליפערס זאכן וואס א גאנץ יאר טו איך נישט אן.... אלעס איז אריין אינעם רענצעלע...

דער ראש ישיבה האט אונז אויך גוט אנגעגרייט אז מ'דארף נישט פילן גארנישט, מענטשן מיינען אז ווען מ'קומט צום צדיק מוז מען גראד עפעס שפירן פון אינעווייניג און מ'מוז גראד וויינען דער ראש ישיבה האט געזאגט אז אסאך מאל קומט מען צום ציון און ווייל מ'האט די לחץ אז מ'מוז וויינען קען מען נישט וויינען און נאכדעם גייט מען אוועק מיט חלישת הדעת...

דער רבי האט געזאגט מ'זאל צו אים קומען מ'דארף נישט וויינען און מ'דארף נישט שפירן די עיקר איז גיין צום ציון און זאגן די צען קאפיטלעך און זיך פרייען אויף די זכות צו קענען זיין א חלק פון דער רבינ'ס קיבוץ.

אונזער פלייט קיין ריישא איז ארויס צען אזייגער אינדערפרי, איך בין אויפגעשטאנען יענע טאג פארטאגס צו גיין דאווענען ותיקין און נאכן דאווענען גראד געגאנגען מיטן טרעין צום עירפארט.

פארשטייט זיך אז מיין רענצל איז געווען פיין איבערוואגיג... איך האמיר איבער געפאקט עטליכע מאל ביז צום סוף איז עס אדורך. מיר זענען דורך סעקיורעטי אלעס בשלום שכח אייבערשטער און מיר זיצן שוין אויפן פליגער.

נאך עטליכע שעה לאנדן מיר אין ריישא, מיר קומען ארויס פונעם גרעניץ צו נעמען אונזער רענצלעך דא האבן מיר זיך שוין אנגעטראפן מיט אנשי שלומינו פון אמעריקע וואס זענען געקומען פון קראקא און אויך געווארט פאר די פעקלעך, ס'איז געווען איין פלייט פאר דער ראש ישיבה'ס פלייט, איך האב נאך דעמאלט כמעט קיינעם נישט געקענט פון אנשי שלומינו איך געדענק איך האב דעמאלט געטראפן מו"ה רפאל פורסט הי"ו דארט אין עירפארט, ער איז מיר געווען די איינציגסטע היימישע פנים... אונז האבן זיך באגריסט און געשמועסט אביסל, נאכדעם האב איך געזען דעם מנהל מו"ה אברהם משה שליט"א וועמען איך האב דערקענט פון די בילדער אבער מער פון דעם האב איך קיינעם נישט געקענט.

כאטש וואס איך האב קיינעם נישט געקענט האב זיך געשפירט זיצנדיג אויפן באס מיט אנשי שלומינו ווי איך זיין מיט משפחה אזוי ווארעם אזוי איינגענעם, איך קען נישט מסביר זיין די געפיל וואס איך האב דעמאלט געשפירט איך בין געווען אין א פרעמדע מדינה ארומגענומען מיט פרעמדע מענטשן דאך האב איך זיך ממש געשפירט אינדערהיים!

זיצנדיג אויפן באס אינדרויסן פון עירפארט האבן מיר געזען ווי דער ראש ישיבה איז אנגעקומען, דער ראש ישיבה איז ארויס פון א ווייטיגע טיר אין עירפארט אין באגלייטונג דורך מו"ה אלי קנאלל הי"ו פון פלען איט רייט.

אינצווישן זענען מיר געפארן מתפלל זיין ביי קברי צדיקים אין לאנצוט ביים ציון פונעם ראפשיצער רב זכותו יגן עלינו. שפעטער האט מען געדאווענט מנחה און

ביים ציון פון הייליגן רבי ר' אלימלך זי"ע

דער ראש ישיבה ביים שרייבן בריוון אויפן פליגער

דארט איז געווען צוגעשטעלט גאר א רייכע מיטאג די עולם האט זיך געוואשן און מ'האט זיך געזעצט עסן.

דארט האב איך די ערשטע מאל געכאפט א שמועס מיט דער גרויסער מפיץ מו"ה מרדכי לייב טירנויער הי"ו מ'האט גערעדט וועגן הפצה ווי אזוי ער גייט ארום אין אלע שיכטן און קרייזן און ברענגט אידן צום אייבערשטן.

דערנאך זענען מיר געפארן קיין ליזענסק ווי מיר האבן געכאפט א מקוה און גראד ארויף צום ציון פון הייליגן רבי ר' אלימלך זכותו יגן עלינו ווי מיר האבן האבן זיך אויסגעבעטן א זיסע יאר און געבעטן אז די נסיעה צום רבי'ן זאל פארן געשמירט און מיר זאלן זוכה קענען ברעכן אלע מניעות בעזרת השם יתברך.

נאכן מתפלל זיין זענען מיר געגאנגען צו די צוגעשטעלטע קאווע שטיבל אינעם בעיסמענט פון די האטעל, דארט האב איך געזען א מחזה וואס איך גיי קיינמאל נישט פארגעסן, די פלאץ איז פיל געפאקט ס'זיצן דארט אידן אויסגעשעפט פון די לאנגע נסיעה, יעדער זיצט מיט א ריזיגע שמייכל און יעדער איינער זיצט מיט א ספר. איך האב זיך נישט גענוג געקענט אפוואונדערן פון דעם איך האב אזוי גע׳דאנקט דעם אייבערשטן אז איך האב זוכה געווען צו קענען מקורב ווערן צו אזא לעכטיגע פלאץ.

נאכן עסן אביסל און לערנען אביסל און זיך דערכאפן דאס הארץ האב איך אנגעהויבן שמועסן אביסל מיט די עולם, דעמאלט האב איך באגעגנט מו"ה הילל ווייס הי"ו און ער האט געפרעגט ווי אזוי איך הייס פון וואו איך קום ווי אזוי איך בין מקורב געווארן אזוי שמועסנדיג זאגט ער מיר קום מיט מיר ער שלעפט מיר צו מו"ה יואל טייטלבוים הי"ו וואס איז געשטאנען דארט נישט ווייט ער זאגט מיר דאס איז מיין שוועגער קען מאכן מיט דיר אן אינטערוויו?

געזונטערהייט אדרבה ר' יואל קלינגט אריין די נאמבער און הייבט מיך אן צו אינטערוויוען ער האט מיר געזאגט איך זאל פארציילן מיין סיפור התקרבות ס'איז געווען זייער א שיינע אינטערוויו.

נאכדעם האט מען געעפנט דעם גרויסן זאל וואס ס'איז געווען צוגעשטעלט א פיינע נאכטמאל פאר די גאנצע עולם. דארטן האב איך זיך באקענט מיט נאך טעליכע אנשי שלומינו איך געדענק ווי איך בין געזעסן דארט ביים עק זאל און באטראכט די עולם איך האב זיך נישט געקענט גענוג אפוואונדערן פון דעם, הונדערטער אנשי שלומינו יעדער שמייכלט יעדער איז רואיג און פרייליך וואו מ'קוקט זעט מען מענטשן לערנען שיעורים כסדרן דאס איז געווען אזא שיינע מחזה פאר מיך איך בין געזעסן דארט אין איבערגעזאגט טויזנט מאל שכח אייבערשטער.

פון דארט זענען מיט ארויף אויפן באס און געפארן צום באן סטאנציע אין פשעמישל.

ביים באן סטאנציע האט מען געדארפטווארטן א לאנגע צייט ביז מ'האט געקענט

נאכטמאל אין ליזענסק



ארויפגיין און יעדער איז געזעסן רואיג און געווארט צו הערן וואס מ'גייט ווייטער טון. ענדלעך זעמיר ארויף אויפן באן און מ'האט זיך געלייגט שלאפן וויפל ס'געווען שייך...

אינדערפרי האט מען געדאווענט אויפן באן און נאך עטליכע שעה איז מען אנגעקומען צום באן סטאנציע אין אוקריינע.

אינדרויסן פונעם באן סטאנציע איז געווען אויסגע'שורה'ט פולע באסעס גרייט אויפצונעמען אנשי שלומינו דארט ווארטענדיג ביי די באסעס האב איך די ערשטער מאל געזען דער ראש ישיבה איך געדענק איך האב זיך געגעבן אזא ציפ דעמאלט צו מאכן זיכער אז איך חלום נישט... דא שטיי איך שוין אין אוקריינע מיט מיין רענצל
אין ד' אמות פון דער ראש ישיבה איך בין געווען אזוי איבערגליקלעך.

איך בין נישט צוגעגאנגען דעמאלט צו דער ראש ישיבה איך האב זיך פארגעשטעלט אז דער ראש ישיבה איז טרוד אינמיטן די וועג איך האב געטראכט אז ווען מיר וועלן אנקומען אינעם בנין וועל איך שוין צוגיין זאגן שלום עליכם.

יעדער איז ארויף אויף די באסעס און מ'פארט קיין אומאן! די שמחה דעמאלט איז געווען אזוי גרויס אויסגעמוטשעט פון די לאנגע וועג אבער מיר זענען דא מ'האב עס געמאכט אין א שעה געפון מיר זיך שוין אין אומאן! באלד שטייט מען שוין ביים רבינ'ס ציון!

פון דערווייטנס זעט מען שוין די בנין דער עולם האט אויפגעלעבט! די באסעס פארקירן אינדרויסן און יעדער שלעפט זיך מיט זייערע פעק און זעק צום בנין.

דארט ביים בנין האט מו"ה יחזקל סאמעט הי"ו שיין אויפגענומען דעם עולם און געגעבן יעדן א קארטל וואס וועט דינען ווי א כרטיס כניסה צום בנין גאנץ ראש השנה עטליכע גוים האבן ארויפגעשלעפט די רענצלעך פאר די עולם און מ'האט זיך געמאכט באקוועם.

שאטעל צו טראגן די עולם צום ציון

נאך מעריב בין איך געגאנגען געבן שלום פאר דער ראש ישיבה איך האב פארציילט פאר דער ראש ישיבה אז פאריאר האט מיר איינער געוויזן ערב ראש השנה א רש"י אז וואס מ'בעט ראש השנה באקומט מען און מיט מיינע קליינע השגות פון נישט זיין מקורב צו א צדיק האב איך גאנץ ראש השנה געבעטן דעם אייבערשטער פאר עשירות און איך האב געהאט א שטארקע אמונה אין דעם.

יעצט דא אין אומאן האב איך זיך דערמאנט פון דעם און איך מאך זיך א חשבון איך האב געבעטן מיט תמימות פאר עשירות פאר אפאר דאללער אבער דער אייבערשטער האט מיך געגעבן אמת'ע רייכטום - זוכה זיין צו קענען זיין מקורב צו א צדיק צו קענען לעבן מיט די לימודים פון הייליגן רבי'ן צו קענען האבן שיעורים אין כל התורה כולה, ווער איז רייכער פון מיר? שפעטער ביי די באטע פרייטאג צונאכטס האט דער ראש ישיבה דאס פארציילט פארן עולם.

מען גייט אראפ פונעם באן

פרייטאג אינדערפרי האבן מיר זוכה געווען צו קענען הערן א דף שיעור פון דער ראש ישיבה נאכן דף שיעור האט דער ראש ישיבה געבעטן אז ער וויל יעדער איינער זאל גיין נאך געלט און פראבירן צו שאפן לכל הפחות הונדערט דאללער און עס איבער געבן צו מו"ה ישעי' איידליס הי"ו.

נאכן דף שיעור בין איך ארויף צום ציון דעם ערשטן מאל! פון איין זייט איז די התעוררות געווען זייער גרויס איך האב געשפירט א ריינקייט אין מיין הארץ אריינקומענדיג צום ציון טויזנטער מענטשן גיסן זיך אויס זייער הארץ דא ביים ציון איך שטיי דא ביי דעם צדיק פון וואס די גאנצע וועלט נעמט חיות, מען שפירט דאס אין יעדן אבר פונעם גוף, אבער אן די שיעורים פאר דעם פון דער ראש ישיבה וואס האט געהאלטן אין איין איבער'חזר'ן אז מ'דארף גארנישט פילן מ'דארף נישט וויינען מ'דארף נאר האבן אמונה און פאלגן, דער עיקר איז קומען צום רבי'ן און זאגן די צען קאפיטלען - וואלט איך געהאט אסאך חלישות הדעת ווייל די ערווארטונגען און די דמיון זאגט איך גיי קומען און מיין הארץ גייט זיך גראד עפענען ס'גייט זיך גיסן טרערן ס'גייט זיך שפירן ווי א פייער פלאקערט אין הארץ און אזוי ווייטער, אבער למעשה ווען איך בין אנגעקומען אויסגעמוטשעט פון די לאנגע נסיעה האב איך קוים געוויסט ווי אזוי איך הייס... שכח אייבערשטער פאר די דרשות הכנה פאר דעם פון דער ראש ישיבה וואס האט אונז מגלה געווען אז מ'דארף גארנישט שפירן!

נאכן דאווענען ביים ציון האב איך געהאט די שכל צו פאלגן דער ראש ישיבה און זיך נישט דרייען אין אומאן אויף די גאסן נאר גראד צוריק געגאנגען צום שאטל און צוריק אין בנין זיך צוגרייטן אויף שבת קודש און ענדיגן מיינע שיעורים.

שבת קודש איז געווען עפעס וואס איך האב פריער נישט בייגעוואוינט תפילות מיט דער ראש ישיבה סעודות מיט דער ראש ישיבה א באטע מיט דער ראש ישיבה ס'איז געווען ממש מעין עולם הבא.

איך געדענק נישט צופיל איינצלהייטן פונעם שבת אזוי פיל געדענק איך אז די גאנצע שבת בין איך געזעסן און באטראכט די עולם און נישט געקענט קומען צו זיך פון דעם וואס יעדער קוקט אויס אנדערש יעדער מיט זיין לבוש מיט זיין גאטונג מיט זיין אויסזען אבער די צד השוה שבהן יעדער איז פרייליך איך האב אזאנס נאך אין מיין לעבן נישט געזען סיי אזא שיינע קהילה א צוזאמענגעשטעלט פון אלע סארט שיכטן און קרייזן פון כלל ישראל און א פרייליכע קהילה, וואו טרעפט מען אזאנס?!

גאנץ שבת ווי אויך שפעטער ביי אלע אנדערע שיעורים האט דער ראש ישיבה געהאלטן אין איין ארויסברענגען ווי גליקלעך און פרייליך מיר דארפן זיין אז מיר האבן זוכה געווען צו קענען זיין אפילו דאס יאר אין אזא מלחמה צושטאנד ביים רבינ'ס קיבוץ.

מוצאי שבת איז פארגעקומען א

הבדלה מוצאי שבת אין אומאן



הערליכע רייך צוגעשטעלטע מלוה מלכה וואס די הויכפונקט איז געווען ווי יעדער האט געברענגט זייערע מתנות פארן רבי'ן יעדער איז ארויף אויפן בימה און זיך בארומט מיט זיינע סיומים וואס ער האט געברענגט פארן רבי'ן. דער ראש ישיבה האט געהאלטן אין איין זאגן ווי שטאלץ ער איז מיט אזא קהילה וואס יעדער איינער לערנט און מאכט סיומים.

ערב ראש השנה האב איך זוכה געווען צו קענען מסיים די דריטע מאל ששה סדרי משנה! נאכן דאווענען האט מען געמאכט התרות נדרים און איך בין ארויף נאכאמאל צום ציון געזאגט דעם תיקון הכללי אוו זיך גוט מתבודד געווען אויסצובעטן ביים רבי'ן א גוט געבענטשט יאר. דערנאך בין איך געגאנגען נאך געלט ווי דער ראש ישיבה האט געבעטן און איך בין צוריק אין בנין ענדיגן מיינע שיעורים און זיך גרייטן אויפן גרויסן טאג.

קיין זיץ האב איך נאכנישט פארמאגט, איך האב שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל קענען האבן א געהעריגע זיץ מיט א טיש און קענען זען דער ראש ישיבה ביים דאווענען. איך בין נאכאמאל צוגעגאנגען צו מו"ה נחמן נתן קרויס הי"ו און אים געפרעגט אפשר דאך קען מען קוקן נאכאמאל און זען אויב ס'דא א פלאץ פאר מיר? זאגט ער מיר דו וועסט נישט גלייבן פונקט יעצט האט מיר איינער וואס האט שוין באצאלט פאר זיין זיץ מיר גערופן אז למעשה קען ער נישט קומען און זיין זיץ איז געווארן פריי און ס'איז פונקט דער זיץ וואס דו ווילסט איך געב דיר עס גערן! שכח אייבערשטער!

מלוה מלכה אין אומאן

שפעטער מיטאג איז מען געגאנגען געבן פדיון נפש פאר דער ראש ישיבה דער ראש ישיבה האט מיך זייער ווארעם אנגעוואונטשען אז איך זאל האבן א זיסע יאר מיט אסאך שפע.

ביינאכט נאך מעריב איז דער ראש ישיבה אראפגעגאנגען אונטן אינעם חדר אוכל וואו יעדער איז דורך זאגן לשנה טובה דער ראש ישיבה האט געבעטן אז די עולם זאל נישט געבן די האנט ווייל די ציבור איז גרויס צו וואקסן בלעה"ר און אז יעדער וועט געבן די האנט וועט עס זייער וויי טון. דער ראש ישיבה האט מיך געווינטשן לשנה טובה און צוגעלייגט אז איך זאל קיינמאל נישט האבן קיין קשיות אויפן אייבערשטן!

ביי די סעודה בין איך געזעסן נעבן מו"ה מרדכי אינדיג הי"ו ער האט מיר געפרעגט ווי אזוי איך הייס פון וואו איך קום איך האב אים פארציילט מיין גאנצע סיפור התקרבות ס'איז געווען זייער א געשמאקע שמועס און זייער אן אנגענעמע סעודה די גאנצע סעודה איז געווען זייער רייך צוגעשטעלט, מ'האט געזונגען ווארימע ניגונים און זוכה געווען צו קענען הערן דיבורים פון דער ראש ישיבה.

ראש השנה אינדערפרי בין איך אויפגעשטאנען פרי געלערנט די שיעורים פארן דאווענען און נאכדעם זיך געשטעלט דאווענען ס'איז געווען די ערשטע מאל וואס איך האב געהערט די ברסלב'ע נוסח. אין אנהייב איז עס זייער שווער געווען אבער וואס טיפער אריין

אינעם דאווענען האב איך אנגעהויבן מער און מער הנאה האבן פון די הארציגע נוסח נאכדערצו ווען דער ראש ישיבה האט געדאווענט ס'האט פשוט געעפנט דאס הארץ איך הייב מיך אזוי אן בענקען נאך דעם שרייבנדיג די שורות.

איידער תקיעת שופר האט דער ראש ישיבה אויפגעטרעטן מיט אפאר קורצע דיבורים הכנה לתקיעת שופר און דער ראש ישיבה האט מגלה דעת געווען אז אויב איז דא איינער דא ביי אים אין שול וואס האט א שווער הארץ אויף א צווייטן זאל ער יענעם זאפארט מוחל זיין אויב נישט זאל ער ביטע ארויסגיין פון שול! איך וויל נישט דא ביי מיר אין שול איינער וואס האט א שווער הארץ אויף א צווייטן!

ביי די סעודה האבן עטליכע פון אנשי שלומינו געזונגען שטיקלעך פון דאווענען אדער חזנות וכו' ס'איז געווען זייער א געשמאקע סעודה דער ראש ישיבה האט נאכאמאל ארויסגעברענגט ווי פרייליך מיר דארפן זיין אז מיר האבן דורכגעבראכן אלע מניעות צו אנקומען צום הייליגן רבי'ן ק.

נאכן סעודה איז דער ראש ישיבה ארויף צום ציון מיט א קבוצה אנשי שלומינו, אויף די וועג האט מען זיך געשטופט ארום דער ראש ישיבה יעדער האט געוואלט אריינכאפן הערן עפעס א דיבור פון דער ראש ישיבה אבער דער ראש ישיבה האט עס זייער געשטערט אז מ'שטופט זיך ארום אים, ער האט עטליכע מאל געבעטן אז מ'זאל זיך נישט שטופן ארום אים. אנקומענדיג נענטער צום ציון האט דער ראש ישיבה געזען אז די געדרענג ארום אים ווערט נאר גרעסער, האט דער ראש ישיבה זייער שטרענג געזאגט אז ער שעמט זיך צו קומען צום רבי'ן ווען מ'שטופט זיך ארום אים, יעצט גייט מען צום רבי'ן נישט צו מיר איך שעם זיך אנצוקומען צום רבי'ן מיט א געדרענג ארום מידך. דערנאך האט דער ראש ישיבה געבעטן פון מו"ה אלחנן זויבערמאן הי"ו אז ער זאל מיט כח אויפעפענען די געדרענג ארום אים.

דער ראש ישיבה האט נאכדעם געזאגט אז אויב וועט מען נישט שטופן ארום אים וועט ער בלי נדר גיין צום רבינ'ס הויז נאכן מתפלל זיין ביים ציון.

אויפן וועג צוריק צום בנין האט איינער געפרעגט דער ראש ישיבה פארוואס מ'איז נישט געגאנגען צום רבינ'ס הויז האט דער ראש ישיבה געענטפערט אז מ'גייט יעצט! היכל הקודש איז דעם רבינ'ס הויז אונזער בנין דאס איז דער רבינ'ס הויז.

די צווייטע טאג איז מען געגאנגען נאכמיטאג צו תשליך מיט די גאנצע עולם צוזאמען, און נאכן זאגן תשליך איז מען ארויס אין א פייערדיגע ריקוד ס'איז געווען זייער געשמאק און דערהויבן.

שפעטער פאר מעריב האט דער ראש ישיבה געגעבן א שיעור אין בית המדרש, ס'זענען זיך צוזאמען געקומען הונדערטער אידן מיטהאלטן דעם נעילת החג שיעור דער ראש ישיבה האט געזאגט אז מענטשן וואס גלייכן נישט ברסלב וואס זוכן צו רעדן כל מיני לשון

אויפן וועג צום ציון

מוסדות
היכל הקודש
ברסלב בארה"ב

רענט קאמפיין

הֵיטִיבָה ה' לַטּוֹבִים וְלִישָׁרִים בְּלִבּוֹתָם

פרנס החודש

מיר ווילן זיך באדאנקען פאר ידידינו

מו"ה משולם פינטער הי"ו

מו"ה אליהו קנאלל הי"ו

וואס האבן אפגעקויפט די זכות פרנס החודש

חודש אלול

די זכות פון ארויסהעלפן דעם הייליג'ן רבי'ן מוסדות זאל אייך בייסטיין צו האבן בני ברוכי, פרנסה בשפע, געזונטע לאנגע יארן, מיט פול סייעתא דשמיא

פרנסי השנה

מו"ה שמוליק בלעדי הי"ו

מו"ה אברהם שבתי מזרחי הי"ו

הרע'ס אויף אנשי שלומינו זאגן אז די ברסלב'ע פארן אזוי קיין אומאן אן קיין אחריות מ'לאזט איבער די משפחה און מ'גייט הוליען. האט דער ראש ישיבה געזאגט זאלן זיי אלע קומען און זען די מסירות נפש וואס מיר האבן, מיר האבן זיך פון גארנישט געלאזט מ'האט אונז אנגעשראקן וועגן די מלחמה מ'האט אונז אנגערופן הפקר איגנען, אבער מיר האבן זוכה צו קענען פאלגן דעם רבי'ן בתמימות ספעציעל אין אזא יאר וואס מ'האט געמיינט אז מ'גייט נישט קענען פארן האבן ברסלב'ע חסידים געוויזן פאר די וועלט אז מיר מיינען עס ערנסט יעדער איז אדורך גאר א שווערע נסיעה און מיר האבן עס באוויזן מיר שטייען שוין ביים שוועל פונעם יום טוב און מיר קענען שוין שמייכלען אויף למפרע!

נאך מעריב האט מען זיך ארויסגעלאזט אין א טאנץ אז מיר האבן זוכה געווען צו זיין ביים רבינ'ס קיבוץ ראש השנה וואס קיין גרעסערס פון דעם איז נישט פארהאן און תיכף דערנאך זענען שוין די באסעס געקומען אפנעמען אנשי שלומינו צום באן סטאנציע אויפן וועג אהיים.

איך געדענק ווי איך בין געזעסן די גאנצע וועג אהיים צוטומלט און צומישט צוטרייסלט און צוקוועטשט, אבער אזוי פרייליך אז איך האב זוכה געווען צו קענען זיין ראש השנה ביים רבי'ן צוזאמען מיט אזא הייליגע חבורה פון אנשי שלומינו!

אייבערשטער העלף אז אויך די יאר שנת תשפ"ד זאל איך אויך זוכה זיין צו קענען ברעכן אלע מניעות און אנקומען צום רבי'ן אויף ראש השנה!

פריילעכע טענץ מוצאי יום טוב

IN AN ACCIDENT?

CALL THE EXPERT

mint COLLISION

Accidents can happen,
Our professional & caring staff will handle the entire process.

- 24-Hour Towing
- Full Car Repair
- Rental Replacement
- Trusted by all major insurance companies

For Upstate Customers;
We pickup & deliver all year round.

אייער פריינט ארי' לייב פעקעטע

347-742-7778

mintcollision@gmail.com

קלאסיפיידס

Deadline to advertise
Sunday 12:00 PM

א דירה אין שטעטל צו פארדינגען פאר א
שבת אדער פאר א קורצע צייט, אין די טווין
ברידזש געגענט, נאנט צום בית המדרש
עצתו אמונה.
איך שטעלן מיר צו סעודת שבת קודש.
רופט לייבי ראטה
347-578-4449

Electrolysis, Tinting, Waxing.

Coming down to your colony.
Conditions comply.

For appointment call
A. Appeldorfer
845-537-9681

ברסלב

שטיצט
ברסלב

קלאסיפיידס

Deadline to advertise
Sunday 12:00 PM

אלע וואס רופן אריין מיט זייער יום טוב
ארדער ביז זונטאג 9/10 וועט באקומען די
דעליווערי אויף מאנטאג 9/11
אויך וועט זיין צו באקומען אין גראסערי
פיינע פרישע פיש לכבוד יום טוב

רופט אריין
845-747-0093



Office to rent

1 big office room available to rent on Rt 52 corner twin bridge.

Please call for details

347-932-4432

שיינע פריוואטע 1
בעדרום דירה אויף
האשקי צו פארדינגען
פאר א שבת, אדער
פאר א וואך.

צו באשטעלן רופט
אברהם הערש וועבערמאן
845-492-0566

מעשיות פון תפילה

ל. לב
ירושלים

איך בין געווען אין א פארק מיט די מיידלעך פון בית פיגא ירושלים, אינמיטן האב איך דארט פארלוירן א קליין SD קארד אנגעפולט מיט פילע וויכטיגע רעקארדינגס. וואו הייב איך אן זוכן א קליין SD קארטל אין א ריזיגע פארק. איך מיט די מיידלעך האבן זיך געוומען בעטן דעם אייבערשטן מען זאל עס טרעפן, און אז מען וועט עס טרעפן וועל איך עס מפרסם זיין אינעם בלעטל. אויך האב איך צוגעזאגט 72 פרוטות לצדקה.

שכח אייבערשטער אז נאך אפאר מינוט האט עס איין מיידל געטראפן ליגן ערגעץ אויף די פלאר.

ל. לב
ירושלים

מיר האבן געדארפט האבן א וויזא צו קענען פארן קיין אמעריקע.

מיר האבן געבעטן דעם אייבערשטן מען זאל קענען האבן א אפוינטמענט ביי די קאנסול ווי שנעלער, און מען זאל עס קענען גרינגערהייט באקומען, אויך האבן מיר צוגעזאגט א מעשה פון תפילה פארן בלעטל.

איך האב באקומען א אפוינטמענט איין טאג און מיין מאן א אנדערן טאג, און ברוך השם מיר האבן געקענט באקומען ביידע וויזאס גרינג און שנעל.

א פרוי פון
משפחת היכל
הקודש

געלויבט דעם אייבערשטן אז מיר האבן א געזונטע בעבי אזוי זיס און לעכטיג. אין אנהייב האבן די דאקטורים גוט אנגעשראקן אז עס גייט זיין פראבלעמען. מיר האבן אסאך געבעטן דעם אייבערשטן אז דאס קינד זאל זיין געזונט און שטארק אויף אלע רמ"ח אברים ושס"ה גידים, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן: "אייבערשטער דו האסט דאך אזויפיל געזונטע קינדער אויף די וועלט, גיב מיר א מתנת חנם א געזונט קינד, באווייז זיך צו מיר, ביי דיר איז דאך אלעס מעגליך, איך וועל דיר נאכדעם אזוי דאנקען פאר די געוואלדיגע נס".

אויך האבן מיר מזכיר געווען ביים ראש ישיבה, און דער ראש ישיבה האט אונז מחזק געווען נישט צו ווערן פארלוירן, נאר זיך שטארקן מיט אמונה און בטחון, זיך איבערגעבן צום אייבערשטן און אסאך מתפלל זיין.

שכח אייבערשטער פאר די נס וואס האט פאסירט, איך האלט אין מיינע הענט א געזונטע לעכטיגע בעבי.

845-379-1161
136 Huschke Rd Hurleyville NY 12747
Breslevofficeliberty@gmail.com

בעט דעם באשעפער
וועט ער דיר העלפן

פאר די ברסלב'ע שטוב

מ. פאפנהיים

דיין מאן לאכט דיר אויסער?

בס"ד

עס איז דיר שווער?

"מאמי, איך קען שוין אויפשטיין?"

אויפשטיין? ... אינמיטן נאכט? ... איין מינוט, עס איז שוין ליכטיג... וויפל אזייגער איז? אכט דרייסיג? אזוי שפעט? וועלכע טאג איז היינט??? צוביסלעך קלארט זיך אויס די וואלקענעס אין מיין מח און איך כאפ שוין, היינט איז דער צווייטער טאג ראש השנה...

א שוואכקייט באפאלט מיר אין אלע ביינער, נאר זיך צו דערמאנען די לעצטע טעג, און צו טראכטן וועלכע טאג ווארט אויף מיר היינט...

נתי שלעפט שוין זיינע שיך און וועש. "מאמי היינט איז נאכאמאל ראש השנה, אמת? איך וויל זיך שוין אנטון..."

"צדיק'ל, נאך אפאר מינוט... יעצט נעם די ביכאלע און קוק עס שיין און שטיל קיינער זאל זיך נאכנישט אויפוועקן".

איך פראביר זיך אנשעפן מיט אביסל כח, "טאטע זיסער געב מיר כח און מח אויף די קומענדיגע שעות, העלף מיר איך זאל זיך לאזן פירן פון דיר און געב מיר געדולד אלעס אריבערצוגיין רוהיג"...

צוביסלעך ווערט טאג און איך טרעף זיך אפגיסן הענטעלעך, אנטון יום טוב'דיגע קליידעלעך, פיטערן די זיסע מיילעכ'לעך און אפווישן רינענדיגע נעזעלעך... מען גייט יעצט בלאזן שופר דא אין נאנטן שול לאמיר ארויסגיין מיט די קינדער אביסל, און זען נאך אפאר מענטשן, נישט נאר די צוואורפענע טויס און אויסגעגאסענע טרינקען...

די קינדער לויפן מיט ערווארטונג צום טיר, און איך ברענג מיט אביסל נאש. אויפן וועג אראפ גיי איך אריבער מיין שכנ'טעס טיר און עס איז פשוט נישט מעגליך נישט ארויסצוהערן וואס עס גייט דארט פאר. אינטערעסאנט דער שכן איז נישט געפארן קיין אומאן, ווי אזוי קען זיין אז די קינדער זענען דארט אזוי צולאזט? ווען מיין נתי האט נעכטן אויסגעגאסן סאדע איז עס געווען ווייל זיין טאטע איז נישטא... און ווען פייגעלע האט געקוועטשט אז זי דארף טויזענט האניג אויף די חלה איז עס ווייל זי זעט שוין נישט איר טאטע אפאר טעג... און ווען אדי איז שוין געווען איבערגעמידעט און געוויינט פון גארנישט איז עס זיכער ווייל איר טאטע איז אין אומאן...

אט קומט מיר מיין שכנה אנטקעגן מיט א מחזור אין די הענט, זי זעט אויס אין די הימלען און גריסט מיר מיט א פייערליכן "גוט יום טוב! א גמר חתימה טובה! זיכער גייסטו יעצט איבערלאזן דיינע קינדער ערגעץ און גיין אביסל אין שול. האסט אויך געהערט די שיעור פון רעבעצן קלאר? זי האט אזוי שיין ארומגערעדט ווי וויכטיג עס איז זיך צו אריבערכאפן אביסל מיטהאלטן די דערהויבענע תפילות, אריינצוגיין אין מצב פון יום הדין, און נישט טראכטן נאר פון קליידעלעך און עסן... אוי! — כאפט זי זיך ביים קאפ — ביי ענק פארט מען דאך אין אומאן, האסט בכלל אוואו צו דאווענען?" זי לאזט אראפ איר טאן, און איך שטעל זיך פאר וואס עס קומט יעצט. "זאג נאר, עס איז דיר נישט שווער?"

איך וויל איר נאר צוריק פרעגן: "זאג נאר, פאר דיר איז דען נישט שווער? ביי ענק דאווענט מען דאך ביז די שקיעה איז דאך דיין מאן אויך נישט אין שטוב..." אבער נאך פאר איך יאג אן צו טראכטן געבט זיך די טיר א עפן אויף, און צוויי צופלויגענע אינגלעך לויפן ארויס, אן קיין שיך, און קריגן זיך ארום אויף א פעקל צ'יפס.

"מאמי! ער — לאזט — מיר — גארנישט — האבן!"

מיין שכנה ווערט רויט פון בושה? כעס? אדער אלעס צוזאמען און בורצעט אונטער נאז, "וואס טוט זיך דא? מיין שוועסטער איז דא ביי מיר, אונז האבן אפגערעדט אז איך גיי צו שחרית און זי צו מוסף, זי קען דא נישט קעיר נעמען פון זיי?"

איך ווארף א שנעלן בליק אויפן זייגער, "אוי, עס איז שפעט! א גוט יום טוב!" שכח איבערשטער אז איך האב איר נישט געענטפערט, אבער וויפל מאל די לעצטע טעג האב איך געהערט די ווערטער, 'עס איז דיר נישט שווער?' וואס ווילן זיי די אלע גוטע מענטשן, איך זאל ארומגיין קלאגן ווי שווער עס איז? זיי וועלן דאך נאר זען ברסלב'ע אוממענטשן וואס לאזן איבער פרויען און קינדער אליין איבער יום טוב, ווען איך ווייס זייער גוט אז דווקא ווייל עס איז אזוי שווער, מיינט עס צו זאגן ווי גוט עס איז דעם גאנצן יאר, אבער דאס קען שוין קיינער נישט פארשטיין, נאר די וואס לעבן מיט א צדיק און האבן אויך א גוטער לעבן...

מסתמא פאר די פרויען אין שטעטל איז דאס גרינגער, עס איז פשוט נישטא קיין דרויסנדיגע מענטשן וואס זאלן שווערער מאכן דעם

ראש השנה מיטן מיטפילן ווי שווער עס איז... אדער אפשר דארט פרעגט יעדער פאר יעדן ווי שווער עס איז...

מיר קומען אן צום שול, פון די פענסטער'ס הערט זיך ארויס דער ווארעמער למנצח, און די גאנצע

מיין שכנה ווערט רויט פון בושה? כעס? אדער אלעס צוזאמען און בורצעט אונטער נאז, "וואס טוט זיך דא? מיין שוועסטער איז דא ביי מיר, אונז האבן אפגערעדט אז איך גיי צו שחרית און זי צו מוסף, זי קען דא נישט קעיר נעמען פון זיי?

הויף ווערט פול מיט מאמע'ס און קינדער, איך טרעף א גוטן פלאץ נעבן פענסטער און ביז א מינוט איז שוין נתי' אויפן פענסטער און האט הנאה מיטצוהאלטן לעבעדיג די תקיעות.

דער בעל תוקע מאכט די ברכות און דער הייליגער קול שופר שאלט אפ אין שול און צושפרייט זיך ווייט ארום, אדי כאפט שנעל דעם עסק און שרייט נאך, טו. טו — טו — טו, עטליכע קינדער צולאכן זיך. אנדערע מאמעס קוקן מיר אן בייז, זאל איך אוועקגיין? אוממעגליך. דער הויף איז פול מיט וועגעלעך, בלייבן איז אויך נישט מעגליך, באלד שרייען דא אלע קינדער מיט... טאטע זיסער גיב מיר א גוטע עצה! איך נעם שנעל ארויס א נאש, און שכח אייבערשטער זי' ווערט שטיל.

נאכן הערן שופר גייען אונז געמיטלעך אהיים, איך האף אז קיינער אין הויף פון שול, איז נישט געבליבן ברוגז דארט אויף מיר. פלוצלונג כאפ איך וועלכע אוצרות איך האלט אין האנט, איך בין דאך צוגעוואוינט צו רעדן צום אייבערשטן ווען איך וויל יעדן טאג פון יאר, אזוי אז עס קומט ימים נוראים פיל איך זיך נישט איבערגעפילט, איך קען טראכטן א גאנצן טאג פון עסן און קליידער, און אין די זעלבע צייט רעדן צום אייבערשטן. וועל איך יעצט אויך בעטן: הייליגער באשעפער העלף אז די ליכטיגקייט פון רבי'ן זאל אויפשיינען און באלייכטן די גאנצע וועלט! העלף אז אלע אידן זאלן וויסן אז מען קען פועל'ן אלעס גוט'ס וואו מען איז, אין שול אדער אין שטוב. און אלעמאל, נישט נאר בשעת'ן בלאזן שופר...

מיט אזעלכע דערהויבענע מחשבות איז דער צווייטע טאג ראש השנה אריבער שנעלער און גרינגער ווי די פריערדיגע טעג. די קינדער שפרינגען ארום מוצאי יום טוב לוסטיג און לעבעדיג אז מארגן גייט שוין טאטי אהיימקומען!

ענדליך ווערט נאכט, און איך באשליס אויך צו גיין שלאפן און זיך נעמען צו די ארבעט אינדערפרי מיט א ריינעם און קלארן קאפ, אלעס וועט זיכער גיין דעמאלט גרינגער און שנעלער.

דער זייגער צוקלינגט זיך אינדערפרי, און די אנדרעלין נעמט פליסן אין די אדערן. איך גיי אריבער מיין ליסטע אין מח, איך וויל היינט צושטעלן עפעס ספעציעל צו עסן, אויפרוימען שיין די גאנצע הויז, אנהייבן וואשן די וועש... הייליגער באשעפער שיק דא א ברכה אין די צייט און אין די ארבעט!

אבער... צוזאמען מיטן מודה אני, נעמט מיר קיצלען עפעס אין נאז... עפעס... עפעס.. וואס ברענגט ארויף די גאל אין מויל... איך פראביר זיך צו שטארקן, נישט געפערליך, באלד וועט דיר בעסער ווערן, איך גיס אפ נעגל וואסער און איך גיי עס ארויסטראגן, יעצט הער איך שוין א פארדעכטיגער קול פון טוילעט, איך עפן די טיר, און איך בין זיכער אז איך גיי שטארבן, נישט נאר ברעכן... עס קומען ארויף שמוציגע וואסער, און עס ווערט העכער... העכער... עס רינט שוין איבער... איך לויף אויף צוריק און פאל אריין

אין בעט. די גאנצע שווערקייט פון די לעצטע טעג פליסט יעצט ארויס פריי, "טאטע זיסער וואס טוט מען דא? ווי אזוי איז עס געשען? די קינדער שטייען נאך א מינוט אויף, אויף וועלכע בוידעם גיי איך זיי לייגן???"

דער טעלעפאון צוקלינגט זיך נעבן מיר. זיכער, איך האב דאך געערדט צו מיין מאן פארן גיין שלאפן, אבער יעצט קען איך נישט רעדן צו קיינעם... דער טעלעפאון פארשטייט נישט קיין רמזים. עס קלינגט און קלינגט... איין מינוט, לאמיר טאקע עס דערציילן פאר מיין מאן, ער דארף דאך וויסן צו וועלכע הויז ער גייט אהיים קומען... אה, ער אליין רופט דא. ער הייבט אויף מיט א לוסטיגן "גוט מארגן! מיר זענען שוין אויפן וועג, מיר קומען שוין באלד אן צום לופטפעלד."

איך פרוביר עפעס ארויסצומעקען, און ער כאפט אויף אז עס איז דא נישט אזוי גלאטיג.

"עפעס איז געשען מאמי?" מיינע טרערן באנייען זיך, און ער ווערט היסטעריש. "דו פילסט גוט??? די קינדער זענען געזונט????" זיינע שאלות שטעלן מיר אויפן פלאץ, "שכח אייבערשטער יעדער איז געזונט, נאר... נאר עפעס האט זיך דא פארשטאפט, עס רינט איבער... די גאנצע הויז שמעקט..."

"אוי וויי! ברוך השם אז נאר דאס, אבער דו קענסט נישט בלייבן אזוי ביז איך קום אהיים... ווייסט וואס איך וועל שוין זען וואס איך קען טון"... און ער לייגט אראפ.

איך באטראכט דעם טויטן טרייבל אין האנט. וואס קען ער מיר שוין העלפן פונדערווייטנ'ס? זאל ער שוין אהיימקומען אין א גוטע שעה! אבער, איין מינוט... איך קען דאך אראפרופן א פלאמבער, וואס דארף איך ליגן אין בעט און וויינען???

הייליגער באשעפער! נאר נעכטן האב איך זיך געפילט אזא צדיקת אז מיין מאן איז אין אומאן און איך געב זיך אפ מיט די קינדער, און אז יעצט איז געגאנגען פונקט פארקערט ווי איך האב געוואלט בין איך געווארן אזוי פארלוירן, העלף מיר טאטע זיסער! איך זאל טאקע קענען אויך היינט אויסשרייען "המלך!"

אה. ער רופט שוין צוריק. "העלא מאמי? ביז צען מינוט איז ער ביים טיר..."

"וואס???? נאך צען מינוט ביסטו אין שטוב?"

"ניין... נאך צען מינוט קומט א פלאמבער. ערלעדיגט? מיר גייען יעצט ארויפגיין אויפן פליגער, ווערסט זיך א עצה געבן?"

ביז א שעה איז שוין נישט געבליבן קיין זכר פון די גאנצע מעשה. דער גערוך האט אויך צוביסלעך אויסגעוועפט. און די קינדער האבן הנאה געהאט צו באטראכטן ווי יענער טאטע קען אלעס פאררעכטן!

צו גיי איך נאך אניאגן אלע גרויסארטיגע פלענער? איך ווייס נישט. אבער הייליגער באשעפער! נאר נעכטן האב איך זיך געפילט אזא צדיקת אז מיין מאן איז אין אומאן און איך געב זיך אפ מיט די קינדער, און אז יעצט איז געגאנגען פונקט פארקערט ווי איך האב געוואלט בין איך געווארן אזוי פארלוירן, העלף מיר טאטע זיסער! איך זאל טאקע קענען אויך היינט אויסשרייען "המלך"! און זיך אינגאנצן איבערגעבן אין דיינע הענט. און זיך לאזן פירן פון דיר, מיין טייערער באליבטער קעניג! ■

קינדער טאלאנט

אליעזר שלמה אינדיג נ"י
קרית ברסלב

אליעזר שלמה מענדלאוויטש נ"י
קרית ברסלב

יחזקאל היילפרין און נחמן נתן
שניטצלער נ"י - קרית ברסלב

בית פיגא ירושלים

יוטי שטיינבערג תחי'
קרית ברסלב

יוטי שטיינבערג תחי'
קרית ברסלב

בית פיגא ירושלים

מרדכי'לע אינדיג נ"י
קרית ברסלב

חידות
אפטיילונג

דער הייליגער רבי האט זייער אסאך גערעדט פון די גרויסקייט פון קומען צו אים אויף ראש השנה, אזוי אויך ווען מ'איז נישט געקומען האט עס אים זייער געבאדערט, וועלכע צוויי נעמען האט דער רבי' געזאגט נאך ראש השנה אז זיי זענען נישט געקומען?

א. משה'לע
ב. יענקל'לע
ג. מרדכי'לע
ד. בערעלע

א. אברמ'לע
ב. אהר'לע
ג. יוסעלע
ד. נתי'לע

שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך

דער הייליגער רבי' האט געזאגט: מיין גאנצע זאך איז
ראש השנה

געווינער פון פאריגע וואך

נחמן נתן וויינבערג נ"י - קרית ברסלב
שיקט אריין די ענטפערס מיט אייער נאמען צו 845-379-1161

קרית
ברסלב
בלעטל

קינדער אפטיילונג
ראש השנה

טרעף
די ווערטער

מ	ד	נ	נ	א	ט	נ	ע	מ	ע	ל	א	י	ו	נ
ח	כ	ל	ו	ו	ט	ל	א	ת	ח	מ	ו	ו	ו	ע
ו	ע	י	ח	ו	פ	י	א	ח	ט	ש	י	נ	י	ש
ש	ב	פ	ז	י	ר	ח	מ	ז	א	ל	מ	א	ס	ס
פ	ת	ש	ט	ל	מ	י	ט	ר	ט	י	א	ע	נ	י
י	ז	מ	ט	ק	ר	ב	ה	פ	ק	י	ה	ז	ד	ו
ל	ה	ל	מ	ש	נ	ו	י	מ	כ	ד	מ	ט	י	ו
נ	א	ל	כ	י	מ	ע	ר	ו	א	נ	ו	ע	ג	י
ז	ט	ש	י	נ	ב	פ	ד	ר	א	י	ט	ר	ד	ל
פ	ל	ט	נ	ג	ר	ר	נ	ע	ז	ז	נ	ו	א	נ
ס	ט	י	י	נ	ר	א	צ	נ	ג	נ	ה	ח	ח	א
ט	ש	ז	ל	מ	ר	ד	ט	ע	ר	ע	ו	כ	ת	כ
ט	ח	י	נ	י	ס	א	ו	ו	י	י	ל	ט	פ	ק
ח	פ	כ	י	י	א	מ	ל	כ	ו	ל	א	ג	ו	ש
ש	מ	ה	ש	ד	נ	ג	י	ו	י	ת	א	ע	נ	צ
ק	א	פ	ט	ל	ו	ל	א	נ	ס	י	מ	ל	ר	ז
פ	ל	כ	מ	ע	ו	ס	י	ד	כ	ע	א	ע	ד	י
י	א	ב	א	כ	י	ר	ר	פ	מ	ש	כ	ר	ע	כ
ל	ל	ק	כ	ד	ל	ב	ה	ז	ש	ס	ט	נ	ב	ת
פ	ד	י	נ	ב	נ	ר	ע	נ	י	י	א	ט	ה	י

לאכט זיך אויס, מאכט זיך נישט וויסנדיג. געדענקט דעם כלל וואס מוהרא"ש האט אונז געלערנט: **'אויב איינער וויל מיך נישט - דארף איך אים טויזנט מאל נישט'.** אויב די שכנים מיידלעך ווילן נישט שפילן מיט אייך - זאלט איר זיך נישט צוטון מאכן פון דעם, איר זאלט שפילן מיט אלעמען, איר זאלט שפילן מיט די וואס ווילן שפילן מיט אייך.

(עצת אמונה פרשת במדבר תשפ"ג)

טרעף די וועג

כאפ זיך אריבער קיין אומאן צום רבינ'ס ציון



א שטיקעלע ספר המדות

הַכְנָסַת אוֹרְחִים

ג. הַכְנָסַת אוֹרְחִים מְזַכָּה אֶת הָאִשָּׁה לְבָנִים.

דוּרְכְ'ן אַרַיינְנֶעמֶען גֶעסְט, אִיז אַ פְּרוֹי זוֹכֶה צוּ הָאבְּן קִינְדֶער.

ד. הַכְנָסַת אוֹרְחִים כְּהַכְנָסַת שַׁבָּת.

אַרַיינְבְּרֶענְגֶען גֶעסְט אִין שְׁטוּבּ אִיז אַזוֹי וְוי אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם שַׁבָּת.

דער רבי האט געשריבן אויפן ספר המדות: "דער ספר האט מיך געמאכט פאר א איד!"

שיחות פון רבי'ן פארהער

וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנען דיך די בילדער?

ענטפער פון פאריגע וואך

דער הייליגער רבי האט געזאגט: "די גאנצע וועלט איז אנגעהאנגען אין מיין ראש השנה!"

מעשה פון תפלה
פאר קינדער

רבקה אפעלדארפער תחי' - קרית ברסלב פארציילט:

הענדי פערל תחי' - בית פיגא ירושלים פארציילט:

בילדער אפטיילונג

שיעור ליל ששי כי תצא אין שטעטל

דער ראש ישיבה און דער דיין שליט"א ביי ניחום אבלים פון משפחת פיש

הרב בנימין לאנדא שליט"א דומ"ץ טאהש ב"פ ביים מנחם אבל זיין משפחות פיש

דער ראש ישיבה ביים צינדן א ליכט לע"נ יואל משה יצחק ע"ה בן מו"ה פנחס זעליג שלום הי"ו

סיום מסכת תענית 101 מאל פון מו"ה משה עקשטיין הי"ו גבאי בית המדרש ליקוטי מוהר"ן - א' כי תבוא

דער ראש ישיבה ביים בלאזן שופר נאך שחרית - ב' כי תבוא תשפ"ג

פרייליכע חתונה אין ישיבה פון החתן שלום ב"ר משה ארי' שניצלער הי"ו עב"ג מו"ה משולם פייש פעלבערבוים הי"ו - ב' כי תבוא תשפ"ג

ברית להילד אברהם קלונימוס נ"י ב"ר מנשה הלוי איצקאוויטש הי"ו - ב' כי תבוא תשפ"ג

פרייליכע חתונה פון החתן יוסי זינגער נ"י עב"ג מו"ה וואלף שטערן הי"ו - ג' כי תבוא תשפ"ג

פרייליכע חתונה אין ישיבה פון החתן משה לייב ניימאן
נ"י עב"ג מו"ה יודל דעפריס הי"ו - ד' כי תבוא תשפ"ג

מו"ה שבתי מזרחי הי"ו חבר הנהלה באזוכט אין תלמוד
תורה היכל הקודש ירושלים - כי תבא

מען גרייט צו פאר די חתונה פון החתן שמואל אייזיק
פערל נרו יאיר - א' נצו"י

אפשערן פון הילד אליעזר שלמה נ"י בן מו"ה יוסף
שניטצלער הי"ו - ה' כי תבא

פרייליכע חתונה פון החתן שמואל אייזיק נ"י בן מו"ה
שמעון עוזר פערל הי"ו עב"ג מו"ה יוסף סאקס - א' נצו"י

זה היום עשה השם
נגילה ונשמחה בו

דעם רבינ'ס שול
ביהמ"ד היכל הקודש אומאן

מיט גרויס פרייד ווילן מיר פערזענלעך
איינלאדן אלע אנשי שלומינו צו די גרויסע מעמד

הנחת אבן הפינה



וואס וועט פארקומען מיטן אייבערשטוס הילף

דאנערשטאג 5:00 אזייגער נאכמיטאג

ביי די נייע גרויסע שטח הארט נעבן די בנין היכל הקודש

סדר המעמד

פינף אזייגער וועט
פארקומען א שיעור הכנה פון
דער ראש ישיבה
און דערנאך וועט מען
לייגן די גרונדשטיין
פארן רבינ'ס שול

מיר וועלן זיך איניינעם פרייען
אויף די גרויסע זכיה צו קענען זיין
ביים רבינ'ס ראש השנה

אבן מאסו הבונים
היתה לראש פינה

ZEBRA